מײַן קריג מיט הערש ראַסײנער

א

אין נײַנצן זיבן־און־דרײַסיק בין איך געקומען קיין ביאַליסטאָק, אין דער שטאָט וואו איך האָב אין נײַנצן דרײַסיק געלערנט אין דער ישיבה פון די נאָוואַרעדקער מוסר'ניקעס. איך האָב דאָרט געטראָפן נאָך פיל פון מײַנע ישיבה־חברים. עטלעכע זײַנען אפילו געקומען אויפן אָוונט וואו איך בין אַרויסגעטראָטן. אַנדערע האָבן מיך באַזוכט געהיים, דער ראש ישיבה זאָל ניט וויסן. איך האָב געזען אויף זייערע פאַרוואָקסענע פּנים'ער אַז זיי לײַדן פון זייער אָפּגעריסענעם הילוך. זייער יוגנטלעכע התלהבות האָט דורך דער צײַט אויסגעברענט. כאָטש זיי האָבן פרום אָפּגעהיט אַלע דינים און מנהגים, איז אויף זיי געלעגן די מידקייט פון שווערע גײַסטיקע ראַנגלענישן. זיי האָבן יאָרן־לאַנג געפּרוווט אַרויסרײַסן פון זיך דעם חשק צו די תענוגים פון לעבן, און שפּעט זיך אַרומגעקוקט, אַז די מלחמה מיט זיך אַליין איז אַ פאַרשפּילטע. זיי זײַנען דעם יצר־הרע ניט בײַגעקומען.

איך האָב באַגעגנט אויך אַזעלכע וואָס זײַנען דורך דער צײַט געוואָרן נאָך פרימער, ערנסטער און פאַרשלאָסענער. אומזיסט האָב איך זיך געריכט, אַז זיי וועלן, לויטן שטייגער פון די מוסר'ניקעס, מיר שאַרף „אַרײַנזאָגן". זיי האָבן מיך ניט געשטראָפט. טייל זײַנען געווען מיט מיר פרײַנטלעך, נאָר אויסגעמיטן אַרײַנצולאָזן זיך אין א וויכוח, און טייל האָבן מיט באַדויערונג געקרעכצט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פאַרלאָרענעם.

אײנעם האָב איך די גאַנצע צײַט אַרומגעזוכט און ניט געטראָפן, מײַן געוועזענעם חבר הערש ראַסײנער. ער איז געווען אַ פּעכיק־שוואַרצער בחור מיט גליאיקע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שטענדיק פאַרזונקען אין מחשבות, אַ שטרענגער און פאַרטיפטער שווײַגער. בלויז ווען ער האָט זיך געשאָקלט איבערן „חובת הלבבות" האָט מען געהערט זײַן פאַרווייטאָגטע מרה־שחורה'דיקע שטים. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט צעבראָכן אַלע שטענדערס אין בית־מדרש בײַם לערנען מוסר מיט התפּעלות. אים האָב איך ניט באַגעגנט. געהערט האָב איך, אַז ער זיצט אויף אַ בוידעם, פּראַוועט התבודדות און קומט אפילו ניט אין ישיבה.

איינמאָל איז ער אומגעריכטערהייט מיר אַנטקעגן געקומען אויף דער גאַס. ער האָט איילנדיק געשפּרייזט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי דער שטייגער איז ביי די נאַוואַרעדקער וואָס ווילן ניט בלייבן „אויג אויף אויג" מיט דער וועלט. דאָך האָט ער מיך באַמערקט. האָט ער פאַרלייגט די הענט אויף אַהינטער און זיי פאַררוקט אין די אַרבל, ער זאָל מיר ניט דאַרפן געבן קיין שלום. וואָס נעענטער ער איז געקומען צו מיר, האָט ער אַלץ העכער איינגעהויבן דעם קאָפּ. ווען מיר זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים, האָט ער מיך שאַרף אָנגעקוקט. ער האָט אַזש געפּאָכעט מיט די נאָזלעכער פון איפּרעגונג — און געשוויגן.

ביי די נאַוואַרעדקער אַז מען פרעגט: וואָס מאַכט איר? מיינט עס: וואו האַלט איר אין אידישקייט? צי זייט איר געשטיגן אין רוחניות? איך אָבער האָב פון דעם ניט געקלערט און גאַנץ פּשוט אַ פרעג געטאָן:

— הערש ראַסיינער, וואָס מאַכט איר?

אין ישיבה פלעגט מען זיך רופן נאָך דער שטאָט פון וואַנען מען קומט.

הערש האָט זיך אָפּגערוקט אַהינטער, מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, דערזען אַז איך בין אויסגעפּוצט, האָט ער זיך מיט ביטול אַ קרים געטאָן, און שטרענג געענטפערט:

— און וואָס מאַכט איר, חיים ווילנער? מיין קשיה איז דאָך אַ גרע־סערע.

איך האָב דערפילט ווי מיר ציטערן די ליפּן און איך האָב אים הייס געענטפערט:

— אייער קשיה, הערש ראַסיינער, איז קיין קשיה ניט. איך טו דאָס וואָס איך דאַרף טאָן.

דער ראַסיינער האָט ניט אַרויסגעצויגן די הענט פון די אַרבל הינ־טער זיין רוקן, נאָך וויטער פון מיר זיך אָפּגערוקט, און מיט אַ געשריי אינמיטן גאַס מיר געשניטן גלייך אין פּנים:

— איר מיינט, חיים ווילנער, אַז אויב איז זייט אַנטלאָפן פון בית־מדרש, האָט איר זיך געראַטעוועט? איר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט ביי אונז: דער וואָס האָט געלערנט מוסר וועט קיין הנאה פון זיין לעבן מער ניט האָבן. איר וועט בלייבן אַ בעל־מום, חיים ווילנער. אַ קאַליקע וועט איר פאַרבלייבן אויף אייער גאַנץ לעבן. איר שרייבט אַפּיקורסות אין גראַמען און מען קנייפּט אייך דערפאַר אין בעקל ווי אַ חדר־אינגל. דער חילול־השם זאָל זיין נאָך גרעסער, זייט איר געקומען דרשענען אייער אַפּיקורסות דווקא אין דער שטאָט וואו איר האָט געלערנט. דערווייל שטאָפּט מען אין אייך כבוד, ווי אין אַ גאַנדז — לאַשע, און מען צאַצקעט זיך מיט אייך, דעם בן־זקונים! אָבער איר וועט זען שפּעטער ווען איר וועט נעמען גיין אין חדר צו די טרייפניאַקעס. אוי, וועט מען שמייסן! וועמען פון אייך קרענקט ניט קיין בקורת? ווער איז דען פון צווישן

אייך באמת אַזוי שטאַרק ער זאָל ניט בעטלען קיין הסכמה אויף זיך ? ווער
פון אייך איז גרייט אַרויסצוגעבן זיין ביכל אָן זיין נאָמען ? דער עיקר
איז דאָך ביי אייך דער נאָמען זאָל שטיין פון אויבן. נאָר פון אויבן!
אונזער מנוחת הנפש האָט איר אויסגעביטן אויף תאוות וואָס איר וועט
ניט דערגרייכן, אויף ספקות וואָס איר וועט, נאָך אַ סך יסורים, ניט
פאַרענטפערן. אייער שרייבן וועט קיינעם ניט מאַכן בעסער, און אייך
וועט עס מאַכן ערגער. איך האָב געהערט, אַז אייער ביכל, אייער ספר־
פראַלניק הייסט „יאָ״. אָבער איך זאָג אייך — ניין! איר הערט, חיים
ווילנער ? — ניין!

אָפּגעזאָגט האָס זייניקע, האָט הערש ראסיינער גענומען ענערגיש
אַוועקשפּאַנען מיט גיכע טריט. אָבער איך בין אויך געווען אַ מוסר׳ניק,
האָב איך אים אָנגעיאָגט :

— הערש, איצט הערט איר — מיך. ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי
איך ווי צעריסן איר זייט. איר גרייסט זיך מיט דעם, אַז איר ווערט ניט
נתפּעל ווען די גאַס לאַכט פון אייך וואָס איר טראָגט ציצית ביז די
פּיאַטעס. איר רעדט זיך איין, אַז דער לייוונטענער טלית־קטן איז אַ
פּייערדיקע מחיצה צווישן אייך און דער וועלט. איר האַלט זיך ביי די
ציצית ווי איינער וואָס טרינקט זיך האַלט זיך אָן אַ שטריק, נאָר דאָס
העלפט אייך ניט צו שווימען קעגן שטראָם. איר זייט זיך אַליין מבזה,
ווייל איר האָט מורא טאָמער וועט איר געפעלן דער וועלט, דער פו־
טיפערען, און איר וועט ניט האָבן קיין כוח זיך אַרויסצורייסן ווי יוסף
הצדיק. דעריבער אַנטלויפט איר פון נסיון און מיינט, אַז די וועלט וועט
אייך נאָכיאָגן. נאָר ווען איר זעט, אַז די וועלט יאָגט אייך פאַרט ניט נאָך,
ווערט איר בייז און שרייט : קיינער האָט ניט קיין הנאה פון זיין לעבן.
איר ווילט זיך מיט דעם טרייסטן. און גייט איר אַוועק אין בדידות אויף
אַ בוידעם, איז דאָס ווייל איר ווילט זיך בעסער אָפּזאָגן אינגאַנצן —
איידער אָננעמען אַ ברעקל, וואָס די וועלט וואַרפט אייך צו. אַזאַ איז
אייער עניוות. ס׳איז גאווה און ניט קיין פרישות.

און ווער האָט עס אייך געזאָגט אַז איך בין געגאַנגען זוכן הנאות ?
איך בין געגאַנגען זוכן אַן אמת וואָס איר האָט ניט. און אייגנטלעך בין
איך אין ערגעץ ניט אַוועק, איך בין בלויז צוריקגעקומען צו מיין גאַס —
צו ווילנער יאַטקעווער גאַס. איר מיינט אַז איר ציט אַראָפּ פון מיר די
הויט, איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך „יאָ״ און איר שרייט מיר אין פנים
— ניין! איר באַנעמט ניט, אַז איך אַליין זאָג אויפן סדר פון דער וועלט
— ניין! און פונדעסטוועגן בין איך אויף זיך גוזר צו זאָגן — יאָ! ווייל
כ׳גלייב אין מיין גאַס. איך האָב ליב די טרעגער וואָס האָבן איבערגע־
בראָכענע רוקנס פון שלעפּן משאות ; די בעל־מלאכות וואָס גיסן זיך אָפּ
מיט שווייס ביי די וואַרשטאַטן ; די מאַרק־זיצערקעס וואָס פאַרשניידן זיך
די פינגער אַבי צו געבן אַן אביון א מוציא ברויט. אָבער איר מוסרט די
הונגעריקע אַז זיי זיינען זינדיק און איר הייסט זיי — תשובה טאָן. פון

די וואָס אַרבעטן און האַנדלען — לאַכט איר, ווייל זיי פעלט בטחון. נאָר איר אַליין לעבט פון פּאַרטיקן וואָס פּאַרהאַרעוועטע ווייבער ברענגען אייך און דערפאַר זאָגט איר זיי צו — יענע וועלט. הערש ראַסיינער, איר האָט שוין לאַנג פאַרקויפט אייער עולם הבא די אָרעמע ווייבער.

הערש ראַסיינער איז פון מיר אָפּגעשפּרונגען און פאַרשוואונדן. איך בין צוריק געפאָרן קיין ווילנע אַן אויסגעלאָדענער. אין קריג מיטן מוסר'ניק איז פאַר מיר אַליין קלאָר געוואָרן פאַרוואָס איך בין אַוועק פון בית־מדרש. אויב איך, האָב איך זיך געזאָגט, האָב פריער ניט גע־טראַכט פאַרוואָס איך גיי אַוועק און וואו איך גיי, האָט עס געטאָן אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער פון מיר — אין מיר גופא. דער אַנדערער אין שטאַרקערער פון מיר — דאָס איז מיין דור און מיין סביבה.

ב

עס זיינען אַריבער צוויי יאָר. די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פּוילן איז אויסגעבראָכן. מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד איז פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. נאָכן אַפּזיין אַ פּאָר וואָכן אין ווילנע האָבן די רוסן געמאָלדן אַז זיי גיבן אָפּ די שטאָט צו די ליט־ווינער. צו אונז האָבן גענומען אָנקומען פּליטים וואָס האָבן נישט געוואָלט בלייבן אונטערן סאָוועטישן רעזשים. אויך די נאָוואַרעדקער ישיבה איז פון ביאַליסטאָק אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע. דערווייל זיינען אין שטאָט געזעסן די סאָוועטן. ס׳האָט געבושעוועט אַ הונגער און אויף די פּנים׳ער איז געהאַנגען אַ פינצטערע כמאַרע צוליב די אַרעסטן וואָס די אָפּ־געשיקטע מינסקער ענקאַוואָדעניקעס האָבן דורכגעפירט אין די נעכט. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ געבראָכענער מיט אַ שווער געמיט. איינמאָל בין איך געשטאַנען אין אַ ריי נאָך ברויט. פּלוצלונג דערזע איך אין שטופּעניש — הערש ראַסיינער.

איך האָב געהערט אַז ער האָט פאַר דער צייט התונה געהאַט. זיין געזיכט איז געווען אַרומגעראַמט מיט אַ שוואַרץ בערדל, דער טראַכט איינגעהאַלטענער און די קליידער — באַלעבאַטישער. איך האָב זיך מיט אים אַזוי שטאַרק דערפרייט, אַז איך האָב פאַרלאָזט מיין אָרט אין דער ריי נאָך ברויט, זיך דורכגעשפּאַרט דורכן געדראַנג און בין צו אים צוגעגאַנגען.

נאָר ער האָט קנאַפּ גערעדט און איז געווען זייער פאַרזיכטיק. איך האָב פאַרשטאַנען: ער טרויט מיר נישט און וויל נישט אַריינקריכן אין אַ צרה. איך האָב געזען אַז ער קוקט מיך אָן און פאָרשט, צי ער דאַרף זיך פאַר מיר היטן אָדער נישט. ווייזט אויס אַז ער האָט דערפילט מיין דער־שלאָגנקייט. האָט ער פאַרשטעלט מיט זיין האַנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט באַהאַלטן זיין קרומען שמייכל, נאָר אין זיין בליק האָט אַ פינקל געטאָן הוזק, און מיטן קאָפּ האָט ער אַ וווּנק געטאָן אויפן ברוק, וואו עס זיינען געשטאַנען טאַנקען אָפּגעהיט פון רויט־אַרמייער.

— נו הייב, האָט הערש שטיל אַ זאָג געטאָן, איצט זייט איר שוין צופרידן ? דאָס האָט איר געמיינט ?

איך האָב פּרובירט אַ שמייכל טאָן און אויך אַזוי שטיל געענטפערט :

— הערש, וואָס פאַר אייך איז טריף, איז נאָך פאַר זיי נישט כשר.

אָבער אָן דעם האַרטן ערנסטן אויסדרוק פון זיין פנים האָב איך דערפילט די נעבעכדיקייט פון מיין הלצה, האָב איך זיך צו אים צוגע־רוקט נאָך נעענטער און געזאָגט:

— הערש, איך טראָג ניט פאַר דעם קיין אַחריות ווי איר טראָגט ניט קיין אחריות — פאַר מיר.

דער ראַסיינער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, געציילט איטלעך וואָרט היך, שאַרף און שניידיק ווי ער וואָלט פאַרגעסן אָן דער מורא:

— איר האָט אַ טעות, חיים, איך טראָג יאָ פאַר אייך אחריות.

ער איז אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט אַהינטער און שטרענג אַ וויי געטאָן מיט די אויגן אויף די רויט־אַרמייער ביי די טאַנקען, ווי ער וואָלט געזאָגט: און דו טראָגסט אויך פאַר זיי אחריות.

ג

און ווידער זיינען אריבער ניין יאָר, די יאָרן פון קריג און חורבן, פון מיין זיין נע־ונד אין רוסלאַנד, פּוילן און מערב־אייראָפּע. אין ניינצן אַכט־און־פערציק, אין אַ זומערדיקן פאַרמיטאָג, בין איך געפאָרן אין דער פּאַריזער אונטערערדישער באַן. אין ענגשאַפט זיינען געשטאַנען פּאַרלעך און זיך געקושט. קליינוואוקסיקע פראַנצויזינס זיינען געהאַנגען ווי פאַר׳חלש׳טע אויף די מיילער פון זייערע שוואַרץ־געקרויזטע אינגלעך. די אינגלעך האָבן קונציק איינגעהאַלטן זייער גלייכגעוויכט אין דעם זיך טרייסלענדיקן וואַגאָן, און זיך ניט אָפּגעריסן פון די מיידלשע ליפּן. אַ הויכער ברייטער יונג האָט אַריינגערוקט זיינע הענט ביז צו די עלנבויגן אין די אייזערנע קלאַמערן וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט. דער יונג האָט געצויגן זיין קאָפּ אַרונטער, און אַ מיידל האָט אויף די שפּיצן פון אירע פיס־פינגער זיך געצויגן צו אים אַרויף. זי האָט אָבער ניט געקענט דערגרייכן צו זיין גאָמבע, האָט זי איר שמאָל פּנים׳ל צוגעטוליעט צו זיין ברייטער ברוסט. עלטערע פראַנצויזן אין בערעטן זיינען געזעסן אויף די בענק, פאַמעלעך און פויל געבלעטערט צייטונגען. באַיאַרנטע באַלעבאָסטעס באַלאָדן מיט פּעקלעך זיינען געזעסן פאַרטראַכט, און נאָר זייערע פינגער האָבן זיך האַסטיק באַוועגט. זיי האָבן געשטריקט זאָקן, וואָלענע יאַקלען און קאָפּ־טיכער. איין פרוי, געפאַרבט און געפּודערט, האָט געשטאַרט אומבאַוועגלעך ווי אַן אויסגעשטאָפּטער פויגל, און מיט פאַרשטייפטע ליפּן געקוקט אויף דעם פאָדעם, ווי דאָס וואָלט געווען דער אָפּגעוויקלטער פאָדעם פון אירע יאָרן. דער גרויער באַוול־קנויל האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטער קאָטער וואָס ליגט און שלאָפט צונויפגעדרייט אין שויס פון אַ פאַראיינזאַמטער פאַרגעסענער דאַמע.

אומגעריכט האָט זיך דער וואַגאָן אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן. פון שטויס האָבן זיך די פּאַרלעך אַ וואַקל געגעבן, זיינען זיך צעפאַלן און זיך אויסגעמישט. אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַן אומצופרידן געמורמל און אַ לייכט געלעכטערל. איין רגע שפּעטער האָבן זיך הענט און ליפּן בלינד אויפגעזוכט און אויפסניי פאַרגליווערט געוואָרן אין שטילער קושעניש. קיינער האָט ניט גערעדט אַ וואָרט. אין וואַגאָן איז געווען דושנע־היס פון דער בייטאָגיקער היץ און פון דער זיס־פאַר׳שיכור׳טער צעגליטער תאוה פון די פּאַרלעך, וואָס זיינען געפאָרן מיטן מעטראָ צו די הינטער־שטאָטישע פּאַרקן.

קעגן מיין ווילן האָט די פאַרדבקעטקייט פון די צונויפגעהאָפטענע גופים מיך דערמאָנט אין — אַ שמונה־עשר׳דיקער שטילקייט. איך האָב שאַרף־צודרינגלעך אַריינגעקוקט אין די פּנים׳ער פון מיינע מיט־פּאָרערס, ווי איך וואָלט געוואָלט אַז זיי גופא זאָלן אָפּלייקענען מיין בית־מדרש׳דיקן פאַרגלייך צווישן זיי און אַ תפילה אריכתא. אָבער קיינער פון זיי האָט אפילו ניט באַמערקט דעם אַרויסרופערישן בליק פון אומדערצויגענעם אויסלענדער. דאָס האָט מיך נאָך מער פאַר־דראָסן. איך האָב דערפילט, אַז איך האָב מחלל געווען אַ ווייטן הייליקן אָנדענק. מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ באַקאַנט פּנים, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרשטעלט מיט אַ פרעמדער פּלייצע, און ערשט ווען די פאָרלעך האָבן זיך איבערגעשטעלט, איז זיין ווינקל געוואָרן פריי. דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך אָפּגעריסן. איז ער לעבן געבליבן? ער איז דאָך געווען אין ווילנע ביים דייטש? ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין חרוב׳ער היים אין ניינצן פינף־און־פערציק האָב איך אים ניט געטראָפן און אויך פון אים ניט געהערט. אָבער פאָרט די זעלבע אויגן, די זעלבע עקשנות׳דיקע פאַרריסענע נאָז, בלויז די ברייט־צעוואָק־סענע שוואַרצע באָרד איז ביי די זייטן און שפּיצן גרוי געוואָרן. שטאַרק פאַר׳חידושט האָט מיך, וואָס ער קוקט אַזוי גלייך און רואיק אויף די פאָרלעך, און אין זיין ערנסט־טרויעריקן בליק לויכט נאָך אַ גוטמוטי־קער שמייכל. דאָס איז אַזוי ניט ענלעך צו אים. פאַר דער מינוט אָבער וואָס איך האָב אים באַטראַכט, האָב איך באַמערקט, אַז ער קוקט אויף די מענטשן מיט אַ ווייט־פאַרטראַגענעם בליק און זעט זיי ניט. ער איז געווען אָנגעטאָן ריין, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אין אַ ציכטיק־ווייס העמד, פאַנאַנדערגעשפּיליעט ביים האַלדז, אָן אַ שניפּס. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: ער פלעגט קיינמאָל ניט טראָגן קיין שניפּס. און אַ מאָדנע זאַך, דאָס האָט מיך איבערצייגט מער פון אַלץ, אַז דאָס איז — ער.

איך האָב זיך דורכגעשטופּט דורך די פּאַסאַזשירן צום איד און אַרויסגעשטאַמלט:

— זייט מוחל, זייט איר ניט ר׳ הערש ראַסיינער?

דער איד האָט מיך אָנגעקוקט, פאַרקנייטשט דעם שטערן און אַ שמייכל געטאָן:

— איי חיים, חיים, דאָס זייט איר? שלום־עליכם! וואָס מאַכט איר?

איך האָב גלייך דערפילט, אַז דאָס מאָל האָט הערש ראַסיינער געפרעגט „וואָס מאַכט איר“? ניט ווי מיט עלף יאָר צוריק בייז און מיט היזק: וואָס מאַכט איר אין רוחניות? ער האָט עס אַרויסגעזאָגט שטיל, פּשוט און האַרציק, אַביסל פאַרזאָרגט, ווי מען פרעגט ביי אַן אַלטן פריינט וועמענס צרות מען ווייס סיי ווי.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און ער האָט מיר דערציילט בקיצור, אַז ער איז געווען אין לעטלאַנד אין אַ לאַגער. איצט איז ער אין דייטשלאַנד, אין זאַלצהיים אַ ראש־ישיבה.

— אַ ראש־ישיבה אין דייטשלאַנד אין אַ לאַגער? און ווער זיינען אייערע תלמידים, ר׳ הערש?

— וואָס מיינט איר, חיים, האָט ער געשמייכלט, כביכול איז געבליבן אַ יתום? עס זיינען נאָך דאָ בחורים׳לעך, געלויבט דער אייבערשטער, וואָס לערנען תורה.

ער האָט מיר דערציילט, אַז מיט אַ מנין פון זיינע תלמידים איז ער געווען אין לאַגער. ער האָט זיי מקרב געווען, מחנך געווען אין אידיש־קייט און געהאָלפן אין דער אַרבעט, מחמת זיי זיינען נאָך געווען קינדער און זייער אָפּגעשוואַכט. ביינאַכט פלעגן זיי זיך אַלע אַרומזעצן זיין גע־לעגער און מען פלעגט אינאיינעם זאָגן תהילים. געווען אין לאַגער אַ דאָקטאָר, פלעגט ער טענה׳ן, אַז ער וואָלט אָפּגעגעבן אַ העלפט פון זיין לעבן ער זאָל אויך קענען זאָגן תהילים. נאָר ער האָט ניט געקענט, אים האָט געפעלט אמונה, נעבעך.

איך בין געווען גליקלעך מיט דער באַגעגעניש און געוואָלט אויס־מיידן אַ וויכוח. האָב איך סתם אַזוי אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך פּאַריז?

— כ׳ווייס, האָט ער קוים אַ ציי געטאָן מיט די אַקסל ווי עס וואָלט ניט כדאי געווען וועגן דעם צו ריידן, פאַר אייך איז פּאַריז מסתמא אַ נסיון. איך בין דאָ אפשר צום זעקסטן אָדער זיבעטן מאָל.

— און וואָס טוט איר דאָ אַזוי אָפט? איר פּירט געשעפטן?

— אוודאי פירט מען געשעפטן, האָט דער ראַסיינער מיושב׳דיק און צופרידן געגלעט די באָרד, גאָר גרויסע געשעפטן. מען ברענגט אַהער ישיבה־לייט און מען שיקט זיי אָפּ ווייטער קיין ארץ־ישראל און אַמעריקע. מען פירט פון דאַנען צוריק ספרים. איך בין אפילו געפלויגן, מיטן אייבערשטנס הילף, צוויי מאָל קיין מאַראָקאָ.

— קיין מאַראָקאָ? וואָס האָט איר דאָרט געטאָן, ר׳ הערש?

— געבראַכט אין ישיבה תלמידים פון די מאַראָקאַנער אידן. גע־רעדט אין שול דאָרט.

— און ווי האָט איר גערעדט צו זיי? איך קענט דאָך ניט קיין אַראַביש אָדער פראַנצויז.

— דער אייבערשטער העלפט, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, און ס׳איז דען אַ חילוק ווי מען רעדט? דער עיקר איז דאָך וואָס מען רעדט. און אומגעריכט טוט ער צו מיר אַ זאָג: וואָס הערט זיך, חיים? עס איז דאָך צייט אויך פאַר אייך אַ טראַכט צו טאָן פון תשובה. מען איז שוין בעעלטער ווי ווייטער.

איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן:

— וואָס מיינט איר מיט דעם „מען איז שוין בעעלטער ווי ווייטער"?

— איך מיין, האָט ער אויסגעצויגן מיט אַ ניגון, אַז מיר זיינען ביידע אָפּגעפּאָרן מער ווי אַ האַלב לעבן. איז וואָס הערט זיין ר׳ חיים?

האָט ער שטאַרק און לאַנג באַטאָנט דעם „רב", וואו פאָרט איר, נישיים זשע אינאיינעם מיט זיי? האָבן זיינע אויגן אַ לאַך געטאָן פון די יונגע פּאָרלעך, ניעיים זשע הועט איר אַראָפּגיין דאָרט וואו זיי? און אפשר גלייבט איר נאָך אַלץ אין דער אכזריות'דיקער וועלט?

— און איר, ר' הערש, האָב איך זיך אָנגעצונדן, איר גלייבט נאָך אַלץ אין השגחה פּרטית? איר זאָגט אַז כביכול איז ניט געבליבן קיין יתום. אָבער מיר זיינען געבליבן יתומים. אייך האָט געטראָפן אַ נס, ר' הערש, איר זייט ניצול געוואָרן. אָבער וואו איז דער גאַנצער כלל? און איר גלייבט?

— אוודאי גלייב איך, האָט דער ראַסיינער צענומען די הענט מיט המימות'דיקער פאַרוואונדערונג, מ'קען דאָך אָנטאַפּן די השגחה פּרטית. איר שטעלט זיך פאָר אַזאַ מאמין וואָס גלייבט אַז דער אייבערשטער געפינט זיך נאָר דאָרט וואו עס זיינען דאָ וועלדער מיט פּאָמעראַנצן און ער געפינט זיך ניט, חס ושלום, דאָרט וואו עס איז מדבר און וויסטע־ניש? איר ווייסט דאָך וואָס עס שטייט: כשם שאדם... ווי אַ מענש דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף גוטס, דאַרף ער אויך מאַכן א ברכה אויף שלעכטס וואָס געשעט מיט אים. מען דאַרף פאַלן פאַר דער גרויסקייט —

— איז וואָס ווילט איר, ר' הערש, האָב איך אים איבערגעריסן. איך זאָל איינזען די גרויסקייט פון גאָט אין דעם וואָס נאָר ער האָט געקענט ברענגען אַזאַ חורבן און ניט קיין בשר־ודם? איר זייט אַוועק נאָך ווייטער פון תהילים וואָס איר פלעגט זאָגן אויף אייער געלעגער אין קאָנצלאַגער. דער בעל התהלים זעט די גרויסקייט פון גאָט אין דעם וואָס די זון גייט אַרויס יעדן טאָג אין איר צייט און דער ים פלייצט ניט אַריבער די ברעגן, אָבער איר זעט ניסים אויך אין קאַטאַסטראָפעס.

— בלי ספק, האָט דער ראַסיינער געלאָסן געענטפערט, זע איך אומעטום, אין אַלץ און אין יעדע רגע השגחה פּרטית. איך קען קיין איין מינוט ניט בלייבן אויף דער וועלט אָן דעם רבונו של עולם. ווי וואָלט איך עס אויסגעהאַלטן אָן אים אין אָט דער רוצח'ישער וועלט?

— אָבער איך וויל ניט און קען ניט מצדיק זיין דעם דין. איך קען ניט!

— איר קענט, האָט דער ראַסיינער פריינדלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, איר קענט... ביסלעכווייז. זייט איר דען אַוועק פון אונז מיט איינמאָל? און קען דען א מענש אַוועקגיין מיט איינמאָל? מען גייט אַוועק ביסלעכווייז און אַזוי קומט מען אויך צוריק. פריער פאַרשטייט דער בעל תשובה אַז די וועלט קען ניט זיין אָן אַ מנהיג. דערנאָך באַנעמט ער אַז דער מנהיג איז דער אלוקי ישראל. און אַז עס איז ניטאָ חוץ אים נאָך אַ כוח וואָס העלפט אים פירן די וועלט. לסוף קומט מען צו דער הכרה אַז חוץ אים איז בכלל קיין זאַך ניטאָ און אַז די וועלט איז אין אים, ווי עס שטייט געשריבן: לית אתר פנוי מניה, ס'איז ניטאָ קיין אָרט וואָס איז ליידיק פון אים. און אַז איר וואָלט דאָס פאַרשטאַנען, היים, וואָלט איר במילא פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען דערזעט

די התגלות פון אייבערשטן אין אומגליק פונקט ווי אין דער ישועה.

דער ראסיינער האט גערעדט מיט א ווארעמער שטים, מיט פאטערלעכער גוטסקייט אין די אויגן און האט די גאנצע צייט ניט אראפגענומען זיין האנט פון מיין אקסל. איך האב דערפילט א גרויסע ליבשאפט צו אים און פארשטאנען אז ער איז אוועק אין זיין פרומקייט נאך אסך ווייטער ווי מיט יארן צוריק.

— ר׳ הערש, איר רעדט דאך עפעס גארניט מעשה נאוואדעקער, נאר ווי א חבדניק, ווי א חסיד וואס לערנט דעם „תניא״.

דער ראסיינער האט געשאקלט מיטן קאפ:

— ביי אייך וואס איר שטייט אינדרויסן און חסידות און מוסר איז כתם א חקירה, זעט איר צווישן ביידע שיטות קודם כל דעם חילוק. נאר פאר די וואס היטן אפ אידישקייט למעשה, איז עס איין זאך. און דאס וואס די רבנים האבן אמאל געקריגט אויף חסידות און מוסר, איז עס געווען צוליב מורא, אז דער נייער דרך זאל ניט אפרייסן אידן פון אפהיטן דינים און מנהגים בכל הומר הדין. אין דער אמת׳ן האט מוסר און חסידות פארשטארקט אידישקייט און מען האט שוין לאנג פארגעסן אן די מחלוקות. ס׳איז איין תורה. עס ווענדט זיך נאר פון וועלכער נקודה מען קוקט. און אז איך דערפיל זיך אפגעשוואכט אין זהירות פון א דין, לערן איך שלחן ערוך. און ווען איך דערפיל זיך געבראכן אין מלחמת החיים, לערן איך מוסר. און ווען איך דערזע, אז מוסר פארפירט מיך צו ווייט אין עצבות און אין פרישות, און רייסט מיך אפ פון כלל ישראל און אהבת ישראל — לערן איך חסידות.

ד

מיר זיינען אַרויס פון מעטראָ נאָענט צום אידישן קוואַרטאַל „רי דע ריוואָלי” און זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן פאַריזער ראַט־הויז „האָטעל דע וויל”. אין די נישעס פון האָטעל, אויף די ראַנדן פון די פענסטער, אין דריי רייען איינע איבער די אַנדערע ביז צום קאַרניז פון דאַך, שטייען צענדליגער שטיינערנע פיגורן, ווער מיט אַ שווערד, ווער מיט אַ בוך, ווער מיט אַ פּאַליטרע און פּענדזל, און ווער מיט געאָמעטרישע מכשירים. גרויסע מחנות טויבן האָבן באַדעקט די סטאַטוען. יעדע רגע פלעגט זיך אָפּרייסן אַ פייגל־טשאַטע פון בנין, מיט אַ זיידענעם געפלאַטער דורכגערייסט דורך דער לופט, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דעם דערבייאיקן פּלאַץ און אין די אַרומיקע געסלעך, געזוכט שפּייז, געהיפּערט און געוואָרקעט. אָנגעפּיקט מיט קערנער, פלעגט די מחנה אויפדאַסניי זיך אַ טראָג טאָן מיט צעפּאַכעטע פליגל צו די דענקמעלער. אַזוי הין און צוריק. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ ים וואָלט געגאַנגען כוואַליעסווייז צום ברעג און אָפּגעפאַלן אין אַ זייער האַסטיקן אָפּבייט פון צופלוס און אָפּפלוס.

דער ראַסיינער האָט געזען אַז איך קוק אויף די דענקמעלער, האָט ער אויף זיי קרום אַ בליק געטאָן:

— ווער זיינען זיי די עבודה־זרות?

איך האָב אים אויפגעקלערט אַז דאָס זיינען באַרימטע מענטשן פון פראַנקרייך. מלוכה־מענער, נאַציאָנאַלע העלדן, געלערנטע און קינסטלער.

— ר' הערש, האָב איך זיך ביי אים געבעטן, קוקט זיך איין אין די שטיינערנע סטאַטוען. מיר דאַכט זיך אַז זיי שמייכלען צו די מהגות פייגלען וואָס פלאַטערן אַרום זיי. אָט די אַמאָליקע גרויסע מענטשן זיינען אייך איצטער גליקלעך וואָס זיי שטייען אויף אַ פּלאַץ, וואו עס איז שטענדיק אַ געפילדער פון קליינוואַרג און אַ געדראַנג פון דערוואַקסענע. קומט צו נעענטער, זעט וואָס פאַר אַ ליכטיקייט עס שטראָמט פון זייערע מאַרמאָרנע אויגן. זעט וויפל גוטסקייט עס ליגט אין די טיפע קנייטשן פון זייערע שטיין־צעשפּאָלטענע פנים'ער. איר רופט עס עבודה זרה, און מיר, איך זאָג עס אייך אָן מליצה, מיר ווילט זיך וויינען ווען איך זע אין די פאַריזער פאַרקן, אויף די פּלעצער און אין די גאַלעריעס אָט די סקולפּטורן. דאָס איז דאָך אַ נס, ווי אַזוי האָט עס געקענט אַ מענטש אַריינבלאָזן אין שטיין אַ רוח חיים? ווען איר זעט אַ לעבעדיקן

מענטשן, זעט איר נאָר אים אַליין. אָבער ווען איר קוקט אויף אַ מענטשן אויסגעוואָקסן אין בראָנז, זעט איר דעם מין האנושי, די אייביקע אידייע פֿון מענטש, ווי דאָס הייסט. איר פֿאַרשטייט מיך? אָט דער, זעט איר, איז אַ משורר מיט אַ וועלט־נאָמען. דער גרויסער שרייבער, דאַרפֿט איר וויסן, ברייטערט אויס אונזערע השגות און וועקט אין אונז רחמים צום מענטשן. ער באַווייזט אונז די טבע פֿון יענעם וואָס קען ניט בייקומען זיינע פֿאַרלאַנגען. אפֿילו דעם רשע משפּט איר ניט מער לויט זיינע נאַקעטע מעשים, נאָר לויט די יסורים וואָס ער ליידט אין דער מלחמה מיט זיך אַליין און מיט דער גאַנצער וועלט צוליב זיינע ליידנשאַפֿטן. איר גיט אים ניט גערעכט, אָבער איר פֿאַרשטייט אַז ער קען ניט אַנדערש... וואָס צופּט איר די באָרד מיט אַזאַ כעס, ר׳ הערש?

דער ראַסיינער האָט פֿון צאָרן זיך געפּליקט די באָרד און מיך אָנגעקוקט מיט פֿייערדיקע אויגן:

— ווי שעמט איר זיך ניט, חיים, אַזוי צו פּלוידערן, האָט ער אויסגערופֿן. איר האָט נאָך אַזאַ פֿאַרשטאָפּט האַרץ צו וויינען פֿון התפּעלות, ווי איר זאָגט, ווען איר גלאָצט אויף די אָנגעמאַליעטע און אויסגעקלעפּטע גולמים — אין אַ צייט ווען פֿון ווילנער גאונ׳ס קלויז זיינען געבליבן פֿאַררייכערטע ווענט? אויף דעם חרוב׳ן ארון־קודש פֿון ווילנער שטאָט־שול זאָלט איר וויינען! אָט די קינסטלער אייערע, די מצבות־האַקער; אָט די משוררים וואָס האָבן באַזונגען די קייסאָרים; אָט די קאָמעדיאַנטן וואָס האָבן געטאַנצט און געשפּילט פֿאַר די שררות, — האָבן זיך אייערע מייסטערס אַמאָל פֿאַרטראַכט וועגן דעם, אַז זייער אַפּטרופּוס, דער מלך, הרג׳עט אויס אַ גאַנצע שטאָט מיט ווייבער און קינדער און גזל׳ט אַלץ אַוועק, כּדי זיי, די מייסטערס, אָפּצוקויפֿן מיט געלד? די נביאים האָבן אויך גע׳חנפֿ׳עט די מלכים און אויך גענומען ביי זיי אתנן זונה־מתנות? און וואָס פֿאַר אַ בעל רחמים איר זייט עס! דער שרייבער באַווייזט אַז דער רשע איז אַ קרבן פֿון זיינע מדות מגונות. אַזוי, דאַכט זיך, האָט איר געזאָגט. אַ רחמנות טאַקע אויף דעם מורד און בעל גאוה וואָס צעברעכט אַנדערע און ווערט באַדיי אַליין צעבראָכן. אַ גרויסער צער נעבעך! איר וועט דאָך מיר ניט איינשמועסן, אַז זיין אַ צדיק און טאָן גוטס אָן אַ פּניה איז לייכטער ווי צו זיין אַ נואף. פֿונדעסטוועגן איז אייך טשיקאַווע צו באַשרייבן דווקא דעם בעל תאווה, איר קענט אים בעסער, ווייל ער שטעקט אין אייך און אין אייערע קינצלער. אויב איר פֿאַרענטפֿערט דעם רשע מרושע, איז ביי מיר אייער גאַנצע שרייבעריי מוקצה מחמת מאוס. פֿאַר׳משפּט׳ן זאָלט איר דעם רשע! פֿאַר׳משפּט׳ן זאָלט איר דעם זולל וסובה! ער קען ניט אַנדערש — זאָגט איר? ער מוז קענען אַנדערש! איר האָט מיר דאָ אָפּגעזונגען אַ פּיינעם „ברכי נפשי״ צו די פֿאַרשימלטע געצן, חיים ווילנער.

הערש ראַסיינער איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער און מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן שאַרף און דראָענדיק ווי מיט עלף יאָר צוריק ביי אונזער באַגעגעניש אין ביאַליסטאָק אויף דער גאַס. זיין שטים איז

געוואָרן האַרט און הילכיק. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף דעם בערדיקן אידן, וואָס שטייט און טייטלט מיט אַ פינגער אויף די סקולפּטורן פון „האָטעל דע וויל", ווי ער וואָלט צו זיי געשריען. הערש האָט די פאַרבייגייער אַפילו ניט באַמערקט. זיין באָרד איז זיך צעפלויגן אין ביידע זייטן, ווי אַ שוואַרצער פויגל מיט צעפּאָכעטע פליגל וואָלט אַראָפּגעשאָסן פון אַ סטאַטוע. איך האָב זיך געשעמט פאַר די רואיק־צעשמייכלטע פראַנצויזן וואָס האָבן אונז נייגעריק אָנגעקוקט, און ס'האָט מיך איפּגערעגט דעם ראַסיינערס געליאַרעם אינמיטן גאַס, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ דרשה פאַר אַ גרויסן עולם אין אַ בית־מדרש.

— שרייט ניט, האָב איך אויפגערייצט אַרויסגעציִשעט, איר מיינט, אַז נאָר איר האָט אַ מאָנאָפּאָל אויף חסד און אמת. איר הייבט אָן ווידער פון דאָרט וואו מיר האָבן געלאָזט מיט עלף יאָר צוריק. איר פלעגט זיצן אין נאַוואַרעדאָק שטענדיק מיט פאַרמאַכטע פענסטער. אָבער ס'איז נאָך אַלץ געווען פאַר אייך צו ליכטיק אין בית־מדרש, זייט איר אַנטלאָפן אויף אַ בוידעם. און פון בוידעם זייט איר אַרונטערגעקראָכן אין אַ קעלער. און פון קעלער האָט איר אַריינגעפּויזעט אין אַ לאָך אונטער דער ערד. דאָרט האָט איר געפּראַוועט התבודדות און זיך איינגערעדט, אַז מחשבות און הרגשים וואַקסן אויפן מענטשן ווי האָר, מען קען זיי אויסשערן און נאָר לאָזן באָרד און פּיאות — הייליקע מחשבות און מדות טובות. איר האָט אויסגעטראַכט אַ וועלט און זייט זי מבטל. איר האָט אויסגעטראַכט אַ מענטשן און איר הייסט אים זיך שטעלן אויפן קאָפּ: ווער אַנדערש! אָבער אפילו די לאַגערן האָבן ניט געמאַכט דעם מענטשן אַנדערש. דער שלעכטער איז דאָרט געוואָרן נאָך ערגער. ער וואָלט אפשר אָפּגעלעבט אַ לעבן און זיך אַליין ניט דערקענט, נאָר אין נסיון האָט מען דערזען זיך און אַנדערע — נאַקעט. אפילו דער בעסערער מענטש איז אויך נאָך דער באַפרייאונג — נאָך ניט באַפרייט געוואָרן פון דעם סם וואָס ער האָט געמוזט איינזאַפּן הינטער די שטעכל־דראָט. היינט אויב דער לאַגער האָט דעם מענטשן ניט איבערגעאַנדערשט פון גרונט אויס, וועט איר אים איבעראַנדערשן דורך „אַ וועד", דורך „אַ רעדל", דורך „אַ בירזשע", דורך שאָקלען זיך אונטער דעם „תומר דבורה"?

דער ראַסיינער האָט מיך אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. דער אָנגעצונדענער כעס אין זיינע אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן, נאָר אין זייער שוואַרצן גלי איז געבליבן ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אַ וויטער שׂרפה:

— איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט, חיים, האָט ער געזאָגט שטיל און מיט באַדויערונג. ווער האָט עס אייך געזאָגט אַז סתם יסורים מאַכן בעסער? נעמט, למשל, דעם יום המיתה. אַז אַ פרומער דערמאָנט זיך אָן טויט, ווערט ער נאָך פרימער, ווי אין פּסוק שטייט: טוב ללכת אל בית אבל. און אַז אַ פרייער דערמאָנט זיך אַז ער וועט שטאַרבן, ווערט ער נאָך ווילדער, ווי דער נביא זאָגט וועגן די געדאַנקען פון די רשעים:

נאכל נשתה כי מחר נמות. נמצא, אַז אַ דרויסנדיקע סיבה קען ניט שלעפּן צוריק צו אידישקייט. דאָס האַרץ און די מחשבה דאַרף זיין גרייט דערצו. ווער עס איז ניט געקומען אַן אָנגערעגטער אויף העכערקייט, איז אין לאַגער זיכער ניט געשטיגן. אָבער דער איש הרוח ווייס, אַז שטענדיק און אומעטום מוז ער גיין מעלה מעלה, אויב ניט פאַלט ער מטה מטה, ווי דער גאון זאָגט. און וואָס איר טענה׳ט אַז א מענש קען ניט ווערן אַנדערש — איז עס שקר מוחלט. מבשרי אחזה אלוה! הערש ראסיינער יוכיח אַז א מענש קען ווערן אַנדערש. איך וועל אייך ניט גיין איבערדערציילן פון וויפל תאוות איך האָב געליטן; וויפל מאָל עס האָבן ביי מיר שיער ניט געפּלאַצט די אָדערן אין קאָפּ פון רתיחת הדם; וויפל הקפדות איך האָב געדאַרפט פון זיך אַרויסרייסן; פון וויפל רגילות׳ן איך האָב זיך געדאַרפט אָפּגעוואוינען. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז ווער עס פאַרלייקנט זיך גופא, איז מודה אין רבונו של עולם. איך האָב געוואוסט, אַז דער גרעסטער גזר־דין פאַר אַ מענשן איז, אויב ער קען זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין אַלטער טבע. און וויבאַלד איך האָב געוואָלט אויף אַן אמת זיך בייקומען, האָט מיך דער איבערשטער געהאָלפן.

— איר זייט נאָך געבליבן אַ קפדן, ר׳ הערש, זייט מוחל. איר ווילט בשום אופן ניט איינזען אַז אָט די חכמים, וועמען איר רופט פאַרשימלטע געצן, האָבן אַרויסגעהויבן דעם מענשן פון זיין חיה׳שן מצב. זיי זיינען ניט געווען קיין קצבים פון דער נשמה און זיי האָבן זיך ניט איינגערעדט, אַז מען קען די נידעריקע תשוקות אַרויסרייסן, אָפּהאַקן. זיי האָבן גוט געקענט דעם פאַרבאָרגענעם וואָרצל פון דעם מין האנושי, האָבן זיי געוואָלט זיין פאַרוואָקסענעם מוח באַלויכטן מיט חכמה, וועט ממילא דער כלל און דער פרט אַרויסוואַקסן פון זיינע זומפּיקע פאַרלאַגגן, אַרויסקריכן פון זיין וואַלדיקער מאַרך־פינסטערניש. שאַטנס קען מען ניט פאַרטרייבן מיט א בעזעם, נאָר מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ. אָט די גרויסע מענשן —

הערש האָט גענומען לאַכן אזוי הויך און שטאַרק, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן ריידן. ער האָט גלייך אָפּגעהאַקט דאָס לאַכן און אַ זיפץ געטאָן:

— איך בין זייער מיד, אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן. קומט, לאָמיר זיך צוזעצן דאָרט אויף דער באַנק ביים גערטנדל. אַוועקגיין פון אייך ווילט זיך מיר עפּעס ניט. איר האָט פאָרט געלערנט אין נאָוואַרעדאָק, אפשר איז נאָך געבליבן אין אייך אַ ניצוץ.

ביז צו דער באַנק זיינען מיר געגאַנגען אין געשוויגן. לויט דער באַגעגעניש האָב איך לכתחילה געמיינט, אַז ער איז ווייכער געוואָרן. איצטער האָב איך מיט פאַרדראָס איינגעזען, אַז זיין טענה צו מיר און ביטול צו דער וועלט איז נאָך געוואָרן גרעסער. דאָך האָב איך געהאָפט, אַז דער איבעררייס וועט ענדערן דעם אָנגעשפּאַנטן טאָן פון אונזער שמועס, און איך האָב זיך ניט געאיילט אָנצוהויבן ריידן דער ערשטער. אָבער הערש האָט געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט צונויפגעקליבן זיינע געדאַנקען, און ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער באַנק, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו מיינע לעצטע ווערטער.

ה

...גרויסע מענטשן, זאָגט איר, זיינען זיי? די דייטשן טענה׳ן אַז רק זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די גרעסטע. איך ווייס ניט צי די סאַמע גרעסטע, נאָר אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן מלומדים איז ביי איך, די וועלטישע, דאַכט זיך, קיין מחלוקת ניט. נו, האָבן די פילאָזאָפן גע׳פועל׳ט ביי זייער אומה ולשון זיי זאָלן ווערן בעסער? און די קשיה איז: צי זיינען די חכמים אַליין געווען גוט? איר זאָלט ניט מיינען אַז איך בין מבטל זייערע קענטעניש. פאַר די יאָרן וואָס איך בין געווען אין די לאַגערן האָב איך זיך אַ סך אָנגעהערט. עס זיינען געווען ביי אונז אויסגעקלונגענע געלערנטע מענטשן, דער דייטש האָט אַלעמען אויסגעמישט אינאיינעם, און אין אַ פרייע מינוט פלעגט מען שמועסן. שפּעטער ווען איך בין, מיטן אייבערשטנס הילף, ניצול געוואָרן, האָב איך אַליין אויך אַריינגעקוקט אין אייערע ביכער, איך האָב מער ניט קיין מורא געהאַט אַז דאָס קען מיר פאַרשאַטן, און איך בין טאַקע נתפעל געוואָרן פון זייערע רעיונות. איך האָב צייטנווייז געפונען אין זייערע מאמרים אַזעלכע כשרונות און טיפקייטן ווי, להבדיל, אין אונזערע ספרים הקדושים. נאָר ביי די רייד זיינען זיי געבליבן! און זעט איר, איך גיי אַזוי ווייט, אַז איך גלייב זייערע פאָעטן און הוקרים, אַז זיי האָבן געוואָלט ווערן גוט, אלא וואָס דען? — זיי האָבן ניט געקענט. און אויב איר ווייסט פון אַזעלכע וואָס האָבן יאָ געהאַט גוטע מדות, זיינען עס יחידים. נאָר דער המון און אויך די חכמים זייערע זיינען געבליבן ביי די שיינע רייד. ריידן קענען זיי שענער פון אונז. און איר באַנוצט על פי רוב ווערטער וואָס איר האָט אויסגעבאָרגט ביי זיי, פון זייער עברי.

און ווייסט איר פאַרוואָס זיי האָבן ניט געקענט ווערן בעסער? ווייל אין זיי ברענט אַ פייער הנאה צו האָבן פון לעבן. און ווייל די הנאות פון לעבן קריכן ניט אַליין אין זאַק, איז אין זיי געבוירן געוואָרן די רציחה — די הנאה פון רציחה. און אונז האָבן זיי פיינט בתכלית השנאה זינט מיר זיינען געקומען אויף דער וועלט און געזאָגט אַז עס זיינען דאָ זאַכן וואָס מען טאָר ניט. וויבאַלד מיר האָבן געזאָגט דעם ערשטן „לא“, זאָלסט ניט הרג׳ענען, זיינען זיי אונז געוואָרן שונאים. און זינט זיי אַליין האָבן איבערגענומען דעם „לא תרצח“, האָט עס אויף יחידים פועל געווען, אָבער די איבעריקע זיינען אונז געוואָרן נאָך גרעסערע שונאים. און דעריבער ריידן זיי אַזעלכע שיינע רייד, ווייל זיי ווילן זיך דורכדעם

אַריינגאָרן צו שיינע מעשים, נאָר עס העלפט ניט, זיי קומען אָפּ בלויז מיט מליצות. און דערמיט באַרואיקן זיי זיך, מחמת ביי זיי איז דער עיקר צו האָבן אַ שיטה. פון די יוונים האָבן די אומות העולם גע׳ירשנט דעם חשק צו סדר און צו אויסגעצאַצקעטע שיטות.

פריער טוען זיי זייערע מעשים בפרהסיה. זיי האָבן ניט קיין הנאה פון זייערע תאוות, אויב זיי קענען עס ניט טאָן בראש גלוי, אָפּענער־הייט, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, ווי שיכורים וואָס קענען ניט טרינקען אַליין, נאָר בחברותא. און איין וועג נעמען זיי זיך דורכדעם אַ היתר פאַר זייערע חטאים. מיר זיינען, זאָגן זיי, ניט קיין צבועקעס, מיר טוען וואָס מיר ווילן — אָפֿן. אָבער זיי האָבן אויך ליב מלחמה צו פירן ניט בלויז מיט יענעם, נאָר אויך מיט זיך, ראַנגלען זיך מיט זיך גופא (אמת, ניט צו שטאַרק...) אפילו ליידן און טאָן תשובה. און אַז עס קומט צו זייער תשובה, ווייס איך פון דעם די גאַנצע וועלט. דאָס איז אַ תשובה וואָס האָט אַ ווילדן פאַרגעניגן פון איבערעכענען די אייגענע חטאים, ווייל זייער ליבשאַפט צו זיך אַליין דערגייט ביז קראַנקשאַפט. זיי האָבן אפילו ליב זייערע קרבנות, וואָרים זייערע קרבנות פאַרשאַפן זיי די הנאה פון זינדיקן און די זיסע יסורים פון חרטה.

דער ראַסיינער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר ביז דעם צווייטן עק באַנק און מיך גענומען באַטראַכטן ווי אים וואָלט איינגעפאַלן, צי רעדט ער ניט על פי טעות צו אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן מענטש. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווי פאַר זיך געמורמלט:

— געדענקט איר, חייב, אַמאָל אין ביאַליסטאָק... ער איז אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, געשלעפּט אַ האָר פון באָרד, ווי ער וואָלט מיט דער האָר אַרויסגעצויגן די זכרונות: געדענקט איר, חיים, ווי איר האָט מיך אין ביאַליסטאָק אויף דער גאַס אַ זאָג געטאָן, אַז מיר אַנטלויפן פון דער וועלט, ווייל מיר האָבן מורא טאָמער וועלן מיר ניטביישטיין דעם נסיון? אַ בעל מוסר האָרעוועט אַ גאַנץ לעבן אויף זיינע מדות און איטלעך וואָרט בקורת וואָס מען זאָגט אים, בלייבט אין אים שטעקן ווי אַ מעסער. יאָ, ס׳איז אמת! איך בין געגאַנגען אַלע מיינע בחור׳שע יאָרן מיט די אויגן צו דער ערד, ניט צו זען די וועלט. איז געקומען דער דייטש און מיך אָנגענומען ביי מיין אידישער באָרד, אַ ריס געטאָן מיין קאָפּ אין דער הייך, און מיר געהייסן אים קוקן גלייך אין די אויגן. און איך האָב געמוזט קוקן אין זיינע רשעות׳דיקע אויגן און אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. און איך האָב געזען, חייב, איך האָב געזען — איר ווייסט שוין וואָס: דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט. איצט קען איך קוקן אויף אַלע עבודה זרות, און לייענען אַלע טרייף־פסולס, און באַטראַכטן אַלע הענגים פון לעבן, און דאָס וועט מער ניט זיין פאַר מיר קיין נסיון, ווייל איך האָב דערקענט דעם אמת׳ן פרצוף פון דער וועלט. און איר זאָגט אויף מיר, אַז איך קען ניט די וועלט און אַז איך האָב אויסגעטראַכט אויף איר אַ בילבול. אוי ר׳ חיים, הזור בך! ס׳איז נאָך ניט שפּעט. דערמאָנט זיך וואָס דער נביא ירמיהו זאָגט: כי שתים רעות

עשה עמי, צוויי שלעכטע זאַכן האָט געטאָן מיין פאָלק, אותי עזבו מקור מים חיים, מיך האָבן זיי פאַרלאָזט, אַ קוואַל פון לעבעדיק וואַסער, לחצוב להם בורות, בורות נשברות אשר לא יכילו המים, כדי צו גראָבן פאַר זיך ברונימער, צעבראָכענע ברונימער, וואָס קענען ניט איינהאַלטן דאָס וואַסער.

הערש האָט גערעדט מיט גרויס געבראָכנקייט. אויף זיין באָרד האָבן געקאַפּעט טראָפּנס. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן צו פאַרהאַלטן די טרערן, נאָר זיי זיינען געלאָפן איבער זיינע באַקן. אויף זיינע אַקסל וואָס זיינען פּלוצלונג איינגעפאַלן, און אויף זיין פּנים וואָס איז פאַרשטאַרט געוואָרן, האָב איך דערזען זיינע איבערגעלעבטע יסורים. איך האָב אים אַנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט אַ געריכטער:

ר׳ הערש, איר זאָגט אַז איך האָב פאַרלאָזן אַ ריינעם קוואַל און שעפּ פון אַ צעבראָכענעם ברונים. זאָלט איר וויסן, אַז איר מאַכט אַ טעות. איך שעפּ פון זעלבן ריינעם קוואַל וואָס איר, נאָר מיט אַן אַנדער כלי. באַרואיקט אייך אָבער, ר׳ הערש, אפשר וועט איר מיט מיר אַריינגיין דאָ אַנטקעגן אין פרוכט־געשעפט נעמען אַ פרי, אָדער אַ קאַלטן טרונק? איר ווילט ניט? איז לאָמיר זיצן דאָ אויף דער באַנק, און איך וועל אייך מאַקע בעטן, איר זאָלט מיר מסביר זיין אַ רעיון, וואָס איר האָט אַרויסגעבראַכט. לפי דעתי איז דאָרט דאָ אַ סתירה, און אפשר האָב איך עס ניט גוט צעקייט.

אַליין האָט איר געזאָגט, אַז איר גלייבט אַז ביי די אומות העולם זיינען געווען חכמים און אנשי מעשה וואָס האָבן געוואָלט זיין גוט, נאָר זיי האָבן ניט געקענט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט תורה. עד כאן אייערע ווערטער. איז עס מיר זייער קשה: ס׳איז אַ יסוד אין אידישקייט, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען רצון. און נאָכאַנאַנד ערב איזוי ווייט אין האַלט, אַז מען קען דערגרייכן די מדרגה פון טאָן גוטע מעשים אָן דער מינדסטער נגיעה. איז אויב אַ מענטש קען זיך אויסשיילן פון זיך אַליין, אַזוי ווי מען שיילט אָפּ די שאָלעכץ פון אַ ציבעלע, פרעג איך אייך: פאַרוואָס האָבן די גוייִשע חכמים ניט געקענט זיין גוט, ווייבאַלד זיי האָבן עס געוואָלט? איר גלייבט דאָך אין בחירה חפשית.

די פראַגע האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן העפטיק, און קעגן מיין ווילן — מיט אַ שפּאַטישן נצחון־טאָן. דאָס האָט אויסגעשטשובעט דעם ראַסיינער פון זיין פאַרווייטקייט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעגלייכט און מיר געענטפערט רואיק מיט מילדער געלאַסנקייט:

איר האָט פאַרגעסן, חיים, וואָס איר האָט געלערנט אין נאָוואַרעדאָק, וועל איך עס אייך דערמאָנען.

דער איבערשטער האָט באַשאַנקען דעם מענטש מיט אַ גרויסן חסד, מיט פאַרשטאַנד. מי לנו גדול פון דעם רמב״ם? זאָגט אויף אים דער ווילנער גאון: די פאַרשאָלטענע פילאָסאָפיה האָט אים פאַרפירט. נאָר מיר ריידן איצט ניט וועגן מעטאַפיזיקע וואָס שייך די הימלען, וועגן דער ערד ריידן מיר, וועגן דעם בין אדם לחברו. און אַז די חז״ל זאָגן, אַז מ׳קען

לערנען מדות פון בעלי חיים קען מען עס אוודאי לערנען פון שכל. און מיר ווייסן, אַז די סבא דבי אתונא האָבן אויפגעשטעלט שיטות פון מאָראַל לויט דעם ריינעם שכל, און זיי האָבן געהאַט א סך תלמידים, איטלעכער זיין חדר.

אָבער די קשיה איז ווידער די אייגענע: האָבן זיי טאַקע געלעבט אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט, אָדער פון דער שיטה איז געבליבן בלויז — א שיטה? איר מוזט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשטיין, אַז ווען די תאוות זיינען ניט אויפגעקאָכט און דער שכל איז רואיק און ריין, ווייס דער מענש ניט ווי ער וועט האַנדלען ווען עס וועט אויף אים אָנקומען זיין פינסטערער רצון. אַ מענש ווערט נתפעל פון זיין אייגענער חכמה און פאַלט אריין אין גאווה פון זיינע קענטעניש, נאָר אַז עס גיט זיך אים עפּעס וואָס אַ פאַרוועל, פאַרגעסט ער אַלע זיינע תורות. זיינע חושים זיינען שטאַרקער פון זיין פאַרשטאַנד. ווי אַ מושטירטער הונט וואָס גייט באַלעבאַטיש אויף אַ שפּאַציר אין די פוס־טריט פון זיין באַלעבאָס, און גיט זיך מיט איינמאָל א ריס אָפּ ווען ער דערזעט אַ צויג — אַזוי איז דער שכל. ביי אונז איז אַ יסוד און אַ עיקר, אַז די פאַלשע השקפות קומען פון שלעכטע מדות. ווי א מענשן ווילט זיך, אַזוי פּשטלט ער אויס. איי ער האָט דאָך פריער גערעדט אַנדערש? זאָגט ער, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. און אויב איר וועט אים צודריקן צו דער וואַנט, אַז דווקא פריער האָט זיין שכל קיין טעות ניט געהאַט, וועט ער אייך ענטפערן: מילא, ווען מיר ווילט זיך עפּעס, קען איך דעמאָלט ניט זיין — אריסטאָטעל. ווען זיין תאווה ווערט אָנגעזעטיקט, ווערט שטאַרקער זיין שכל און ער האָט חרטה. ווען עס גיט אים ווידער א שפּאַר אונטערן לעפעלע דער רצון, פאַלט זיין אָפּגעשוואַכטער שכל אין חלשות ווי אַ הון. ער קריכט אַרויס מיט איין פוס און קריכט אריין מיט דער צווייטער פוס, ווי אין אַ זומפּ. ער האָט אַ זיידענעם כאַראַקטער און אַ געפיל פאַר יופי, ער רעדט בנחת הויכע געדאַנקען און איז כלו שבת, נאָר אַז ער דערזעט דאָס פיסל פון אַ נקבה דערפילט ער אַ מישעניש אין קאָפּ. צווישן זיינע איידעלע הרגשים ווערט אַ בהלה, ווי צווישן מוראַשקעס פאַר אַ רעגן, און זיין שכל ווערט — איינגעזונקען. נאָך מער: דער וואָס לעבט נאָר מיט שכל, קריכט אָפּטמאָל אליין אין נסיון, ער וויל ווערן קליגער; ער קריכט אין פייער און ווערט פאַרברענט. און חוץ מזה וואָס דער שכל קען ניט העלפן, קומט מיר אויס אַז עס איז אַ ווילדקייט צו פאַרלאַנגען ביי א מענשן ער זאָל לעבן לויט זיין שכל. דער שכל קען אים זאָגן, אַז עס לוינט אים צו זיין גוט, עס ברענגט מנוחה און גליק און גוטע פריינט, און אַז אַלע מענשן זיינען ווי אברים פון איין גוף, איינער טאָר ניט מזיק'ן דעם צווייטן. אַלץ זייער פיינע און שיינע רייד, ווי דאָס האָבן גערעדט די סבא דבי אתונא און די חכמים נאָך זיי. אויב אָבער ער דאַרף זיין גוט, ווייל אים לוינט, איז היינט לוינט אים און מאָרגן — ניט. און לוינט עס אים אפילו אויך פאַר מאָרגן, קענט איר אים פונדעסטוועגן ניט גויטן צו זיין באַרעכנט. איך וויל, קען ער זאָגן.

דער בחור איז אַ קאַצעטניק פון דעם ראַסיינערס לאַגער־תלמידים, האָב איך זיך באַהערשט.

— דער עיקר, האָט דער ישיבה־בחור אַ זונג געטאָן ווי ער וואָלט אונטערגעהערט אונזער פריערדיקן שמועס און געאײַלט צוהילף זײַן רבין, דער עיקר איז דאָך ניט וואָס מען שרייבט, נאָר וואָס מען טוט.

הערש וואָס האָט זיך לכתחילה געדרייט אומרואיק, ווי דער תלמיד וואָלט צעשטערט זײַנע פּלענער מיך מחזיר למוטב צו זײַן, האָט זיך איצט בהת׳דיק צעשטראַלט. קאָנטיק אַז אים האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס זײַן תלמיד שגצט מיך אויס.

— און וועלכע גרויסע זאַכן טוט איר? האָב איך זיך ,געוויצלט, איר לערנט מוסר מיט התפעלות?

דער תלמיד האָט באַשלאָסן מן הסתם צו באַווײַזן זײַן רבין אַז מען קען אים טרויען. ער קען זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט אַן אַפּיקורוס, האָט ער געענטפערט מיט אַ להכעיס׳דיקער פאַרשפּיצטקייט:

— איר וואָלט געקענט אַשטייגער פאַר אייער שרייבערײַ זיך אײַנ־שטעלן ווי פאַר אַ ספר־תורה?

— וואָס הייסט זיך אײַנשטעלן פאַר מײַן שרייבערײַ ווי פאַר אַ ספר תורה? האָב איך זיך געווענדט צו הערשן, וואָס האָט געקנייטשט מיטן שטערן עפּעס אומצופרידן און דערבײַ ענווות׳דיק אײַנגעהויקערט די פּלייצע.

געענטפערט האָט דער תלמיד:

— ר׳ הערש, דער רבי, האָט ער זיך אַליין פאַררינכט, האָט אַרײַנגע־גנב׳עט אַ ספר־תורה פון איין לאַגער אין אַ צווייטן לאַגער, וואו מען האָט אונז אַריבערגעפירט. קיינער האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט אַריבער־צוטראָגן אַ שפּילקע, ווײַל מען האָט דערפאַר דערשאָסן, אָבער דער רבי האָט דורכגעטראָגן אַ ספר־תורה און ימים נוראים האָבן מיר געהאַט אַ מנין. וואָלט איר זיך אײַנגעשטעלט פאַר אייער שרייבערײַ ווי פאַר אַ ספר־תורה?

הערש האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— יהושע פרעגט איך ניט צי איר וואָלט געהאַט גענוג מוט דערצו, איך בין עס, מישטיינס געזאָגט, דער גיבור? איך האָב אײַנגעשטעלט צוליב דער קדושה פון דער תורה און דער איבערשטער האָט מיר גע־האָלפן. פרעגט אײַך יהושע אַ קשיה, צי האַלט איר אײַך אייער שרייבן פאַר אַזאַ קדושה אַז איר וואָלט צוליב דעם געגאַנגען אין סכנה?

— פאַרשטייט איר ר׳ הערש, האָב איך זיך אויסגעדרייט צום רבין, וואָס שייך מיר, איז דאָך ניט שייך צו ריידן, איך בין אין לאַגער ניט געווען. און ווי זאָגט איר: ביז וואַנען דער מענטש באַווײַזט ניט למעשה אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, טרויט ניט די תורה אפילו אברהם אבינו׳ן.

נאָר מײַנע חברים פון דער זעלבער שרייבער־חברותא — זיי זײַנען

ניט די תורה. אַ קינד איז בכוח אויסצואוואַקסן, אָבער מיר ווייסן ניט ווי הויך ער וועט וואַקסן. כאָטש ער האָט טאַטע־מאַמע ווי די ביימער, קען זיך אין אים אָפּרופן אַ זיידע אַ קאַרליק. נאָר דורך גוטע מעשׂים שטופּט מען אַרויס שלעכטע מעשׂים. דעריבער האָבן אידן געשריען ביים באַרג סיני: נעשה, מיר וועלן טאָן, רק טאָן, כסדר טאָן. ונשמע, און איצט ווילן מיר ווייסן וואָס די תורה הייסט אונז טאָן. אָן מעשׂים זיינען אַלע חקירות — דברים בטלים.

דאָס איז די השקפה און דער דרך המוסר פון „אַלטן", ר' יוסף יוזל, זכותו יגן עלינו, און טויזנטער תלמידים פון נאָוואַרעדאָק האָבן זיך אין דעם געווייקט טאָג און נאַכט. אָבער איר האָט געלאַכט פון דעם וואָס מען אַרבעט אין נאָוואַרעדאָק אויף זיך אַליין, און מען שלייפט און מען פיילט די אייגענע נשמה, און מבקשים קלייבן ווי פּערל פּעולות אין הטבה. ביז עס איז געקומען דער דייטש, ימח שמו, און האָט אויס־גע'הרג'עט אונזערע הייליקע תלמידים. און מיר שטייען ביידע פאַר דעם חורב'ן כלל ישׂראל. און איר שטייט נאָך באַזונדער פאַר אַ חורבן — פאַר דעם חורבן פון אייער אמונה אין דער וועלט. און עס פייניקט אייך, עגבערט אייך, פרעגט איר מיר: פאַרוואָס האָבן די גויישע חכמים ניט געקענט זיין גוט, אויב זיי האָבן געוואָלט זיין גוט? און איר געפינט סתירות אין מיינע רייד. אָבער כאָטש איר זאָגט עס מיר ניט, פילט איר אין דער אמת'ן די סתירה ניט אין מיינע רייד, נאָר אין זיך אַליין. איר האָט געגלייבט אַז די וועלט גייט צום בעסערן און איר האָט דערזען אַז זי גייט... אין אונזער בלוט. אין מיין השקפה איז ניטאָ קיין שפּעלטעלע פון אַ סתירה. די גויישע חכמים, אפילו די וואָס האָבן געוואָלט, האָבן ניט געקענט ווערן גוט ביז צום גרונט פון זייער נשמה, ווייל זיי האָבן ניט קיין תורה, און זיי האָבן ניט געשליפן זייערע מדות אַ גאַנץ לעבן. זייער עטיק איז אויסגעבריייט מיטן מה. זיי זיינען געגאַנגען אויף זייערע שׂכל'דיקע הנהגות ווי מען גייט אויף אַ געפרוירענעם טייך. אָבער אַז היטלער מיט זיינע ווילדע חיילות און מיט זיינע טאַנקען איז אַרויפגע־פאָרן אויף דער חכמה פון די חכמי אומות העולם, האָט דער אייז פון זייער גליטשיקן שׂכל געפּלאַצט, און זייער גאַנצע גוטסקייט איז געוואָרן דערטרונקען.

און איינאיינעם מיט זייער גוטסקייט צו אַנדערע, איז דערטרונקען געוואָרן זייער דרך ארץ צו זיך אַליין, אַ קליינינקייט! פאַר אַ קרוב וואָרט האָבן זיי געשלאָגן מיט שווערדן, געשאָסן און געביילט. די גאַס זאָל אויף זיי ניט קרימען מיט דער נאָז, אַן אייזל זאָל זיי ניט רופן פחדן, זיינען זיי פאַרציטערטע פאַרן טויט — געגאַנגען אויפן טויט. דורות נאָך דורות איז אין זיי געוואַקסן זייער גאווה ווי אַ ראַק, ביז ער האָט אויפגעפרעסן זייער פלייש און אויסגעזויגן זייער מאַרך. תקופות גאַנצע האָבן זיי זיך געחקירה'ט, געריידט און געשריבן: איז פריער דער הויב צום פאָלק און משפחה, אָדער די אייגענע פרייהייט איז פריער פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר ווייב און קינד און אפילו פאַר זיך אַליין? נמנו וגמרו,

אַז עס זיינען ניטאָ קיין קייטן וואָס אַ פֿאָלק קען ניט צעררייסן. גמנו וגמרו אַז דער אמת און דער שכל איז ווי די זון וואָס מוז אויפגיין. פֿאַרשיט, אַשטייגער, די זון מיט לאַפּעטעס ערד. איז געקומען אין מערב אַ שליט אין שטיוול מיט קליינע וואָנצעלעך, און אין מזרח איז געקומען אַ שליט אין שטיוול מיט גרויסע וואָנצעס, און ביידע האָבן אַ קאַפּע געטאָן דעם חכם צו דער ערד, און ער איז געפֿאַלן אין בלאָטע אַזוי טיף ווי עס האָט געוואָלט אין מערב דער שליט אין די שטיוול מיט די קליינע וואָנצעלעך, און אין מזרח דער שליט אין די שטיוול מיט די גרויסע וואָנצעס. וועט איר זאָגן: די חכמים האָבן געוואָלט ראַטעווען זייער לעבן. פֿאַרשטיי איך. אָבער זיי האָבן דאָך געשריען אַז פֿרייהייט, אמת און שכל איז ביים פֿילאָזאָף טייערער ווי זיין לעבן? און אָט דער חכם וואָס שטייט אונז אַנטקעגן מיט די מכשירים צו מעסטן די שטערן און מזלות, בעת אַלע האָבן גע׳שטנה׳ט: די זון דרייט זיך! האָט ער געזאָגט: לא כי, די ערד דרייט זיך! און פֿערטלט מיך, האַקט מיך, בראָקט מיך! וואָס וואָלט ער געזאָגט צו זיינע היינטיקע אייניקלעך? אויב אין דעם אַמאָליקן חכם וואָלט איצטער אַריין אַ רוח חיים, וואָלט ער אַראָפּגעקראָכן פֿון פֿענסטער און געקלאַפּט מיט זיין שטיינערנעם קאָפּ אָן דעם שטיינערנעם ברוק און געזאָגט „איכה“.

ו

דער ראַסייַנער האָט גערעדט פּאַמעלעך, ווי אַ ראָש־ישיבה וואָס גיט צו פאַרשטיין זיין תלמיד אַ שווערע סוגיא הונדערט־און־איין מאָל. ער האָט געמאַכט עטלעכע קורצע פּויזעס מיט אַ כוונה איך זאָל צייט האָבן בעסער צו באַנעמען זיינע ווערטער. ביסלעכווייז האָט ער זיך צעוויגט ווי ביי אַ נאָוואָרעדקער שבת ביינאַכטיקן שמועס אין אלול־צייט, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ געשריי, מיט התעוררות און אַ הספד־ניגון. ער האָט גענומען ריידן האַסטיקער, זיין קול איז געוואָרן איבערגעריסן און ער האָט פאַרענדיקט די זאַצן מיט האַרטער זיכערקייט, ווי ער וואָלט אריינגעהאַקט נעגל אין די ווענט. ער האָט אַריינגעשריען אין מיר ווי איך וואָלט געווען טויב, אָדער ווי איך וואָלט געווען אַ פינסטערער קעלער און ער רופט צו איינעם וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין מיר.

דער געטומל אויפן דערבייאיקן פּלאַץ און אין די אַרומיקע געסלעך איז געוואָרן שטילער, דער מענטשן־שטראָם אויף די טראָטואַרן — שיטערער. אויף די בענק אַרום געשטנדל זיינען געזעסן דורכגייער, געשוויגן אויסגעמאַטערטע פון דער פייכטער בייטאָגיקער היץ און דערפרישט זיך מיטן ווינטל פון בלויער פאַרנאַכט. די פייגל זיינען מער ניט אַרומגעפלויגן מהגותוויז פון ראָט־הויז צום פּלאַץ און צוריק. זיי האָבן באַדעקט די פיגורן, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע באַפעדערטע קערפּערס און פליגל באַשיצט און דערוואַרעמט די שטיינערנע נאַקעטקייט פון די דענקמעלער, וואָס דער ראַסייַנער וויל אַרונטערשליידערן פון די געשטעלן ווי אברהם די אָפּגעטער פון זיין טאַטן תרח. הערש האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ טראָט פאָרויס און אָנגעשטרענגט געקוקט. אַ יונגערמאַן איז פאַרטראַכטערהייט פאַרבייגעגאַנגען. דעם ראַסייַנערס פּנים האָט זיך פאָטערלעך צעשמייכלט:

— יהושע, האָט ער וואַרעם און שטיל אַ רוף געטאָן.

דער יונגערמאַן האָט אַ צאַפּל געטאָן:

רבי, האָט ער אויסגערופן מיט אינגלשער פרייד און אויסגעשטרעקט אַ האַנט. זיי האָבן זיך צעקושט.

— איר האָט געשריבן אַז גלייך פון באַן וועט איר קומען אין בית מדרש, האָט געזאָגט דער בחור, זייט איר משמעות פריער אַוועק מיט די פּעקלעך אויף דער קוואַרטיר. אָבער וואו האָט איר זיך אַ גאַנצן טאָג פאַרהאַלטן?

הערש האָט נאָך אַלץ פאָטערלעך געשמייכלט און ניט געענטפערט.

דער בחור האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, דערזען אַז איך בין אַ גלות און גיי אַן אַ הוט, האָט ער זיך פאַר'חידושט איסגעדרייט צו זיין רבין ווי ער וואָלט געפרעגט: האָט אייך דער דאָזיקער געקענט פאַרהאַלטן? איך האָב אים דערווייל באַטראַכט. ער איז געווען אין די צוואַנציקער, אַ ברייטלעכער, אַ בלאָנדער, מיט דיקע ליפּן, א בלייכער און מיט אַנגעגאָסענע באַקן ווי אַ לונגען־קראַנקער. זיין קאַפּעליוש אָן אַ קנייטש, ווי ערשט אַראָפּגענומען פון הילצערנעם מאָדעל, איז אים געווען הייך פאַררוקט אויפן קאָפּ און זיין שטערן האָט געשוויצט. דער נייער אָנצוג — צו לאַנג און צו ברייט, ווי באַרעכנט אַז דער וואָס טראָגט אים זאָל אין אים נאָך קענען וואַקסן און געדייען. איך האָב געמוזט אַ שמייכל טאָן. דער יונגערמאַן האָט אויסגעזען ווי אַן אמת'ער נאָוואַרעדקער וואָס חהג'ט זיך, אָדער פּוצט זיך אויס לכבוד אַ שליחות אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט.

— ווער זיינען „זיי", האָט דער בחור מיט גרויס איידלקייט פון אַ ליטווישן בן תורה געפרעגט ביי זיין רבין אויף מיר.

זיין רבי איז געווען אין פאַרלעגנהייט:

— זיי? האָט ער זיך גע'מח'ט, זיי האָבן געלערנט אַמאָל אין ביאַליסטאָק ביי אונז.

דאָס האָט אין אויגנבליק געביטן די באַנעמונג פון יונגנמאַן, ער איז צוגעקומען נעענטער און פון זיינע מילדע שעפּסענע אויגן האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט חוצפּה. איך בין, הייסט עס, „א שנה ופירש", אַ בוגד, איז עס שוין אַ קריג אין דער משפּחה:

— ער האָט אַמאָל געלערנט אין נאָוואַרעדאָק? האָט איבערגעפרעגט־כלומרשט פאַרוואונדערט דער תלמיד ביי זיין רבין, דעם „ער" אַנשטאָט „זיי" האָט דער בחור אויסגעצויגן ווי אונטערצושטרייכן זיין ביטול צו מיר, און דער יונגער מבקש האָט צוגעגעבן:

— ווען דער רבי וואָלט מיר ניט געזאָגט אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בן תורה, וואָלט איך עס אויף אים ניט דערקענט. אין קיינער וואָלט עס אויף זיין פּנים ניט דערקענט.

ווייזט אויס אַז דעם תלמידס שאַרפקייט איז געווען צופיל אפילו פאַר זיין רבין:

— פאַרקערט, האָט הערש געענטפערט זייער ווייך, זיי זיינען נאָך איצט שטאַרק אריינגעטאָן אין אידישקייט. זיי זיינען אַ שרייבער.

— אַ שרייבער? האָט דער תלמיד מיט העזה און אָפּגעגעם הוזק אַ לאַך געטאָן, וואָס שרייבט ער?

ס'האָט מיך אַ ברי געטאָן, איך האָב געוואָלט איבערשפּרינגען, נאָר איך האָב זיך מיישב געווען. מיר האָט ניט געפּאַסט פאַר הערשן צו ווייזן אַז איך באַליידיק זיך פון עפּעס דאָרט אַ בחור'ל. דערצו בין איך געווען לאַנגע יאָרן אָפּגעריסן פון אָט דעם עולם און איך האָב געוואָלט גוט אָנקוקן דעם נאָוואַרעדקער נאָבוואָיקס. איך האָב אייך פאַרשטאַנען, אַז

בעסער לעבן איין יאָר אַ גוטן טאָג, איידער זיך מאַטערן און אָפּקומען לאַנגע יאָרן. אויב אַ מענטש האָט ניט קיין רבונו של עולם, טאָ צוליב וועמען און פאַרוואָס זאָל ער פאָלגן דעם פילאָזאָף וואָס הייסט אים גוט זיין? דעם פילאָזאָף אַליין איז קאַלט און אומעטיק און פוסט מיט זיין שכל וואָס פּילט אויס די גאַנצע וועלט. ער איז געגליכן צו איינעם וואָס פּראַווועט אַ חתונה מיט זיך אַליין. ער פּוצט אויס די שטוב, צינדט אָן אַלע לאָמפּן, באַדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטעך, שטעלט אויס שטולן, גייט אַרויס, קומט אַריין צוריק און פאַרנייגט זיך פאַר אַ בענקל — דאָ זיצט כלומרשט די כלה. פאַרנייגט זיך פאַר די אַנדערע ליידיקע שטולן — דאָרט דאַרפן זיצן די מחותנים, און ער טרינקט צו זיך אַליין לחיים.

דער איינציקער אויסוועג איז: אַ מענטש זאָל אויסקלייבן צווישן טוב ורע נאָר אַזוי — ווי עס קלייבט פאַר אים אויס די תורה. די תורה מיינט זיין גליק און ווייס בעסער וואָס פאַר אים איז גוט. די תורה איז די איינציקע מציאות פון לעבן. אַלץ דאָס איבעריקע אויף דער וועלט איז אַ חלום. ווי דער רבונו של עולם האָט געוויזן משה'ן אין מדבר אַ פייערדיקן משכן און האָט אים אָנגעזאָגט: אָט אַזאַ משכן זאָלסטו פאַר מיר מאַכן, אַזוי איז דורך די אותיות פון דער תורה אויפגעשטעלט דער פייערדיקער אדם השלם. דער בשר ודם דאַרף אים נאָכטאָן אין אַלע פּרטים. אפילו ווען דער מענטש פאַרשטייט אויך מיט זיין שכל ווי ער באַדאַרף טאָן, טאָר ער אין דער רגע ניט פאַרגעסן, אַז דער עיקר טוט ער עס, ווייל די תורה הייסט עס אים. אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך באַוואָרענען אויף דער צייט ווען דער שכל וועט ניט האָבן קיין כוח אים צו באַפוילן.

וואָרט, איר זייט נאָך ניט פאַרטיק. מיט אַ תורה קען מען אויך דורכפאַלן. אַ מענטש קען זיך איינשמועסן: איך לעב ניט לויטן שכל, איך לעב לויט דער תורה. און ער איז בטוח אַז ווען ס'וועט קומען דער נסיון, וועט ער אַ קוק טאָן אין אַ ספר'ל ווי ער דאַרף זיך נוהג זיין, און וועט עס מקיים זיין. ער שמועסט זיך איין, אַז ער איז פריי. אין דער אמת'ן גרייכט זיין בחירה נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל עס גרייכט זיין רצון. למה הדבר דומה, ער איז גלייך צו אַ בער אין אַן ארומגעצאַמטן גאָרטן פאַר חיות. די וועכטער האָבן אים אַרומגערינגלט מיט פעלזן און אָנגעגאָסן אין אַ גרויסער גרוב וואַסער, מיינט דער ווייסער בער אַז ער איז אויפן ים הקרח. זאָל ער אָבער פּרואוון שטעלן אַ טראָט מחוץ דעם גדר! אַזוי איז דער יעניקער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין פרייען ווילן. אַ מענטש אפילו מיט אַ תורה וועט דורכפאַלן אין נסיון, אויב ער וועט אויך זיך ניט האָרעווען טאָג און נאַכט. דער וואָס ווייס אַלע פאַרבאָרגעניש, האָט געוואוסט אַז אברהם אבינו וועט מקריב זיין יצחק'ן, פונדעסטוועגן האָט דער מלאך געזאָגט צו אברהמ'ען ערשט נאָך דער עקדה: איצט ווייס איך. דאָס איז אַ מוסר השכל לדורות, אז ביז דער מענטש פירט ניט דורך וואָס ער דאַרף דורכפירן, טרויט אים

געווען אין געטאָ און ניצול געוואָרן — זיי האָבן יאָ איינגעשטעלט זייער לעבן פאַר זייער שרייבעריי, ווי איר רופט עס. און זיי זיינען אויך געגאַנגען אין סכנה צו ראַטעווען כתב־ידן פון אַמאָליקע גרויסע מחברים. און איך וועל אייך זאָגן נאָך מער: איר האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ ספר־תורה, פאַר ביכער אָבער וואָלט איר אין געפאַר ניט געגאַנגען. אייך וואָלט אפשר ניט געווען ניחא דער דייטש זאָל זיי פאַרברענען, נאָר איר אַליין וואָלט זיי פאַרברענט ווען איר קענט. איך זע שוין! און מיינע חברים האָבן געראַטעוועט ספרים, יקר המציאותן, מיט דער זעלבער ליבשאַפט און טריישאַפט ווי דעם טאָג־בוך פון הערצלען און אַ בריוו פון מאַקסים גאָרקין. אגב אורחא וויל איך איר זאָלט וויסן, ר׳ הערש, אַז מיר געפינען זיך אין אַלט פאַריז. און דאָ ביים האָטעל דע וויל, ממש אויף דעם אָרט וואו מיר זיצן ביים „פלאַס דע גרעוו", דאָס הייסט, דער פלאַץ פון די גרויזאַמקייטן, וואו מען פלעגט פאַרפייניקן און אומברענגען די פאַר׳משפּט׳ע צום טויט — האָט מען נאָך מיט איבער זיבן הונדערט יאָר צוריק געברענט דעם „מורה נבוכים" פון רמב״ם אויף אַ מסירה פון גרויסע רבנים קנאים. און געהאָלפן האָט צו דעם דער רבינו יונה גירונדי. ערשט שפּעטער ווען די גלחים האָבן גענומען ברענען אויך די גמרא, האָט דער רבינו יונה דערזען אין דעם אַ שטראָף פון הימל פאַר דער מלחמה קעגן רמב״ם, איז ער געוואָרן פול מיט חרטה און אָנגעשריבן דעם „שערי תשובה". אין נאָוואַרעדאָק האָט מען דעם שערי תשובה געלערנט מיט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט פון שרייען זיך אויסגעבויערט לעכער אין די לונגען, נאָר אָפּלערנען זיך אַ מוסר־השכל ניט צו זיין אַזעלכע קנאים — דאָס האָט איר זיך ניט אָפּגעלערנט.

דער בחור האָט וואויליונגעריש פאַרשטעקט אַ האַנט אין זיין הויזן־קעשענע, פאַררוקט דעם אָנגעבלאָזענעם קאַפּעליוש אויף דער פּאַטילניצע און מיט אַ קאַנט פון זיין שוך אומגעדולדיק געגראָבן אין דער ערד. ווען איך האָב געענדיקט, איז ער צו מיר צוגעקומען נאָך נענטער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרפירן אַ געשלעג און מיט אַ טריאומפירנדיקן געלעכטערל אויף די דיקע ליפּן געפרעגט:

— און צו ראַטעווען אייער נאָענטסטן חבר, אייער תלמיד, וואָלט איר זיך איינגעשטעלט? איך בין אַמאָל זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער לאַגער, אין אַ בלאָק וואו מען האָלט הולאים זיי אָפּצושיקן אין גאַז־קאַמער. און ניט מיינע חברים און אפילו ניט מיין ברודער האָבן זיך איינגעשטעלט, נאָר ר׳ הערש איז ביינאַכט דורכגעקראָכן אַלע דראָט־פאַרצוימונגען און אויף די אַקסל מיך ארויסגעטראָגן פון טויטן־בלאָק. און איר זייט פון ווילנע אַנטלאָפן מיט אייער משפּחה, אָדער איר זייט איינער אַליין אַנטלאָפן?

איך בין אויפגעשפּרונגען אַן אויפגעקאָכטער:

— און ר׳ הערש האָט געראַטעוועט זיין אייגענע משפּחה? איר זייט אַ אינגל! האָב איך זיך אויף אים אַ רוק געטאָן אַז ער איז אָפּגעטראָטן

אַ דערשראָקענער. („אינגל" איז אין ישיבה אַ זידל־וואָרט. ס'איז ווי מען וואָלט אײַסגעטאָן אַ בחור'ל דעם קאַפּעליוש און אים צוריק אָנגעטאָן אַ היטל...) אינגל, האָב איך געשריען, איר קענט נאָך עפּעס חוץ „צעשאָרן", מבטל זײַן אַנדערע? און אײַער ברודער וואָס איז אײַך ניט געלאָפן ראַטעווען, האָט איר אים יאָ געראַטעוועט? און אַז איך וואָלט אײַך אַרויסגעטראָגן אויף מײַנע אַקסל, וואָלט איר געוואָרן וואָס איך בין? און ווען אַ קריסט וואָלט אײַך געראַטעוועט, וואָלט איר זיך גע'שמדט?

דער יונגערמאַן איז געוואָרן צעטומלט. ער האָט געוואָרט אויף הילף פון זײַן רבין, אָבער דעם ראָסײנערס שווײַגן האָט אים נאָך מער צעמישט. זײַן רבי האָט אויף מיר געקוקט מיט שרעק ווי ער וואָלט געציטערט איך זאָל ניט קאַליע מאַכן אַ יונגע נשמה. פאַרזאָרגט און האַסטיק האָט ער אָפּגעפירט זײַן תלמיד אָן אַ זײַט און עפּעס אײַנגע'טענה'עט מיט אים. יענער האָט זיך דערווײַטערט צוזאָרפּנדיק מיר אַ פינטלעכן בליק.

— דאָס איז אײַער חינוך! האָב איך זיך אַרויסגעוואָרפן אויף דעם ראָסײנער ווען מיר זײַנען געבליבן אַליין, האָס און פאַראַכטונג צו דער גאַנצער וועלט. מיט דעם האָט איר אים געגומען מער ווי מיט דער ספר תורה. ממיתן זיך אַליין און מבטל מאַכן די וועלט — דאָס איז געווען אַלעמאָל אײַער גײַסט און מיט דעם, זע איך, האָדעוועט איר אײַך איצטער אײַער תלמיד'ל. איר שרײַט צו מיר: חזור בך! און האַלט מיך פאַר אַ מצורע. איר האָט פריִער געזאָגט אַז די מחלוקת צווישן מתנגדות, חסידות און מוסר האָט זיך שוין לאַנג אײַנגעשטילט. ס'איז אײן תורה. עס ווענדט זיך נאָר פון וועלכער נקודה מען קוקט. אַמאָל הייסט די נקודה חסידות און אַמאָל — מוסר. ווער זשע האָט צווישן אײַך שלום געמאַכט? אײַער שנאה צו דער השכלה האָט צווישן אײַך שלום געמאַכט. האָב איך געמיינט אַז־איצט איז געקומען דער טאָג ווען איר וועט שלום ווערן אויך מיט דער אידישער השכלה צוליב אונזער אַלעמענס אומגליק. לאָזט זיך אויס אַז איך האָב אַ טעות געהאַט: בײַ אײַך האָט זיך גאָרניט געביטן.

הערש איז געזעסן אַן אויסגעלאָשענער ווי אים וואָלט דערעסן די וויכוח, אָבער בײַ מײַנע לעצטע ווערטער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גענומען שלײַדערן מיט די הענט:

— שטעלט זיך אָפּ, חיים, שטעלט זיך אָפּ, ענטפערט מיר: ווען מיר וואָלטן זיך דערוואוסט, אַז אַ גרויסער שטערן דערנענטערט זיך צו דער ערד און אין געציילטע טעג אַרום וועט ער זיך צוזאַמענשטויסן מיטן כדור הארץ און די ערד וועט אונטערגיין לעולם ועד — וואָלטן מיר אין אָט דער לעצטער רגע באַדאַרפט שלום ווערן מיטן דײַטש צוליב דעם שטערן, וואָס גייט אומברענגען דעם גאַנצן מין האנושי מיט אַלע נבראים? אָבער ענטפערט קורץ: יאָ שלום ווערן מיטן דײַטש, אָדער ניט שלום ווערן?

— ניין, מיר וואָלטן ניט געדאַרפט שלום ווערן מיטן הײַנטיקן

דייטש אפילו אין אַזאַ מינוט.

— הוא הדין, חיים, איז מיט דער השכלה. ווי אַזוי קענען מיר שלום מאַכן מיט דער השכלה, אז דער דייטש דאָס איז דאָך — די השכלה. זאָל איך אַזוי דער איבערשטער מוחל זיין ווי איך בין אייך מוחל. איר זייט אַ חשוד בכשרים. לא די וואָס איך האַלט אייך ניט פאַר אַ מצורע, ווי איר זאָגט, האַלט איך, אַז אין אייך איז דאָ אַ סך אידישע וואַרעמקייט. מער ניט אייערע דעות זיינען פאַרקרימטע, דעריבער שמועס איך מיט אייך. און אויף מיין תלמיד דאַרפט איר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָרעם ער איז יונג, געווען אין לאַגער, דערנאָך איז ער נאָך אַ קראַנקער. און צוגעצויגן צו אידישקייט האָב איך אים ניט דורך ביטול צו דער וועלט, ער האָט אַליין געזען, ווי יונג ער איז ניט געווען, דעם פּרצוף פון דער וועלט; און אויך ניט צוליב דעם וואָס איך האָב אים פון טויט געראַטעוועט האָט ער זיך צו מיר צוגעבונדן, חס ושלום! דער כוח און דער אמת פון דער תורה האָט אים צוגעצויגן.

הערט זשע מיך אויס, חיים, וויבאַלד איר זאָלט וויסן אַז מיר אַליין איז קשה פון וואַנען נעמט זיך צו מיר אַזאַ כוח הדיבור. וועל איך אייך מגלה זיין אַ סוד: איך בין נאָך ייִדן צו אייך. איך האָב צו אייך געהערט די אַלטע יאָרן וואָס איך בין געווען אין געטאָ און אין די לאַגערן. און זאָל אייך ניט חידושן, איר זייט געווען ביי מיר חביב נאָך פון דער צייט ווען איר האָט געלערנט אין ביאַליסטאָק. איך האָב שוין דעמאָלט געפילט אַז איר שטייט ניט אַ פוס אין דרויסן, האָב איך פאַר אייך מתפלל געווען איר זאָלט בלייבן ביי אידישקייט. אָבער מיין תפילה פאַר אייך האָט ניט געקענט העלפן, ווייל איר אַליין האָט ניט געוואָלט זיין פרום און איר זייט אַוועק פון אונז. נאָר איך האָב אייך ניט פאַרגעסן. אין ישיבה האָט מען גערעדט פון אייך — איר האָט זיך געלאָזט הערן. און אונזער באַגעגעניש אין ביאַליסטאָק געדענקט איר דאָך... אין דער צייט ווען אונזער ישיבה איז געווען אין ווילנע ביי די באָלשעוויקעס האָב איך אייך ווידער געטראָפן זייער אַ דערשלאָגענעם. אין געטאָ האָט מען דערציילט אַז איר זייט אימגעקומען אינטערוועגס ביים אַנטלויפן. שפּעטער האָבן פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער איבערגעגעבן אַ ידיעה אַז איר לעבט אין רוסלאַנד. פלעג איך טראַכטן אַז אויב מיר וועלן ביידע ניצול ווערן, וואָלט געווען אַ נס איך זאָל אייך טרעפן און קענען מיט אייך שמועסן. דאַרף עס אייך ניט וואונדערן וואָס איך רייד ווי פון סידור. כ׳לעבן, איך האָב אַזוי פיל מאָל פאַר זיך אַליין אויסגעלייגט מיינע תביעות צו אייך, אַז איך מעג זיי שוין קענען אויף אויסוויניק ווי „אשרי".

— ר' הערש, האָב איך געזאָגט, עס ווערט שפּעט, איר וועט פאַרזאַמען מנחה.

— לערנט ניט, חיים, וועגן מיין מנחה, האָט ער אַ לאַך געטאָן, איך האָב געדאַווענט צווישן אויגער. ס׳איז ביי מיר געבליבן אַ געוואוינטשאַפט פון לאַגער ניט אָפּצולייגן קיין מצוה. טאָמער איז עס מיין לעצטע שעה, זאָל איך ניט קומען אין הימל קיין — נאַקעטער. און וואָלט איך היינט קיין מנחה נאָך ניט געדאַווענט, וואָלט איך געזוכט אַן עצה, און פון אייך סיי

ווי סיי ניט אַוועקגעגאַנגען.

— איך פאַרשטיי, איר ווילט איך זאָל זיין אַ חוזר בתשובה, וועט איר האָבן אַ שותפות אין שכר פון מיינע מנהות.

— הלוואי חייב, טוט איר תשובה, ווי איך גיב אייך אַרויס אַ וועקסל אויף דער עולם הבא פון מיינע מנחות. איז האָט איר נאָך כוח און צייט מיך אויסצוהערן? איר האָט כוח, זאָגט איר? איז גוט. ביז איצט האָב איך גערעדט צו אייך וועגן די גוישע חכמים און זייערע השקפות. אָבער מיר דאַרפן דאָך בעיקר זיך קלאָר מאַכן וועגן אונזער יחס צו זיי און צו דער גאַנצער וועלט. און נאָך איין הקדמה וויל איך מאַכן: טאָמער וועט אייך אויסקומען אַ וואָרט צו שאַרף, טאָ האָט ניט קיין פאַראיבל. כאָטש איך רייד צו אייך, מיין איך לאו דווקא אייך, דעם גאַנצן כלל וועלטישע אידן מיין איך. ווערט זשע ניט ברוגז און זייט כאָטש אַ ווײַלע — אַ נאָוואַ־רעדקער.

ז

אייערע משכילים האָבן געזונגען צום גראַם: הוה יהודי באהליך ואיש בצאתך. זיי אַ איד אין דיין געצעלט און אַ מענש אין דער וועלט. האָט איר אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און אָפּגעהאַקט באָרד און פּיאות. נאָר ווען איר זייט אַרויס אין גאַס, איז אייך נאָכגעלאָפן דער איד אין לשון, אין די תנועות, אין לייב און לעבן. האָט איר געטריבן פון זיך די בייזע אַבשיקעניש. מילא, איז דער איד אַוועק פון אייך, ווי אַן אַלטער טאַטע מיט ווערמען קינדער זייגען זיך ניט נוהג בכבוד גייט אַוועק אין בית־מדרש, אין בלית ברירה — אין מושב זקנים. איצט, אַז איר האָט דערזען... אוי, מה היה לנו! שרייט איר פאַרקערט: זיי אַ מענש אין דיין הויז און אַ איד אין גאַס. פרום ווערן אין שטיב קענט איר ניט, ווייל אייך פעלט אמונה, נאָר אויס כעס צו די גויים און בענקשאַפט נאָכן פאַרשניטענעם טאַטן, ווילט איר ווייזן אייער אידישקייט אין גאַס. לויפט אייך אָבער נאָך פון שטוב דער מענש, מיטשיינס געזאָגט. אייך אייך איז צוגעפּאַסט דער משל פון „בן המלך והנזיר". אַ כלב האָט געהאַט צוויי התונות, אַ נאָענטע און אַ ווייטערע. טראַכט ער: די נאָענטע וועל איך ניט פאַרשפּעטיקן, לויפט ער פריער צו דער פרעמדער חתונה — און פאַרזאַמט. לויפט ער צוריק אָן אָטעם צו דער היימישער שמחה, קומט ער נאָך דער סעודה. וויל ער זיך אריינשפאַרן אין טיר, קריגט ער מיטן שטעקן. איז ער אַרויס קרח מכאן וקרח מכאן. דער משל איז אַפילו אַ גראָבלעכער, אָבער איר האָט געלערנט אין נאַווארעדאָק, ווייסט איר אַז מען פלעגט עס זאָגן וועגן איינעם וואָס וויל אַריינכאַפּן אי די וועלט אי די תורה.

איר האָט געליאַרעמט בראש כל חוצות: די אומות העולם האָבן אונז פיינט, ווייל מיר זייַנען אַנדערש. לאָמיר זיין ווי זיי! און איר זייט געוואָרן ווי זיי. נאָך מער: איר זייט געוואָרן די ערשטע אין זייער תרבות. וואו אַ איש מדע, וואו א חוקר, וואו א סופר — אַ איד. און גראָד צוליב דעם און בעיקר צוליב דעם איז זייער שנאה צו אונז געוואָרן נאָך גרעסער. זיי ווילן בשום אופן ניט מיר זאָלן זיין ווי זיי. בימי הביניים האָבן אונז די כומרים געוואָלט אָפּשמד'ן, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער ממשלה. די מלכים און דער המון זייַנען געווען דערצאָרנט וואָס מיר, די כאַמע געדודפּטע האָבן די עקשנות ניט צו וועלן זיין ווי זיי. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון תענוג צו זען מיט וועלכע יסורים עס קומט אָן א אידן זיך אָפּצורייסן פון כלל ישראל, ווי זיין משפּחה זיצט שבעה און ווי ביי גאַנץ קהל איז תשעה באב. אָבער אין אונזער צייט, אַז זיי האָבן דערזען ווי גרינג עס קומט אָן אַ אידן

אַריבערצושפּרינגען אין זייער מחנה, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט ביי די פאַרקאַנעס מיט העק ווי קעגן חיות רעות. נאָר איר זייט געווען הונגעריק און בלינד און זייט געשפּרונגען — גלייך אויף די העק.

אפילו דער חורבן האָט ניט געעפנט אייערע אויגן. באזני שמעתי פון אַ פּוילישן איד, וואָס איז געווען דאָרט וואו איר, אין רוסלאַנד, אַז ער האָט גע׳חלומט: נאָך דער מלחמה וועט צווישן די אידן און די שׂונאי ישראל ווערן שלום ואחוה. און דער חשבון פון די מאמיני בצדקות הגויים איז געווען אַזאַ: די שונאי ישראל פון פּוילן און ליטע איז ניט געקומען אויפן זינען להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים. זיי האָבן אונז נאָר געוואָלט פאַרטרייבן: זשידזשי דאָ פּאַלעסטינאַ! זשידזשי דאָ מאַדאַגאַסקאַר! — האָבן זיי געשריען. אָבער איצט, האָט איר געטראַכט, אַז זיי האָבן איינגעזען צו וואָס זייער שנאה האָט דערפירט, מען זאָל אויסקוילען אַלע אידן, האָבן זיי אוודאי חרטה. בפרט אַז זיי אַליין האָבן שטאַרק געליטן פון דייטש. אָבער לא די וואָס זיי זיינען ניט געוואָרן בעסער, זיינען זיי געוואָרן נאָך ערגער. איר האָט געזען אין פּוילן ווי די אייערנעכטיקע פּריצים, די נעכטיקע גזלנים און היינטיקע סוחרים האַנדלען אויף אידישע מערק אין אידישע קראָמען מיט אידיש־האָב און גוטס? און אויב עס באַווייזט זיך אַן אַמאָליקער אידישער שכן, ווילן זיי אים דורסן, טאָמער וועט ער פאַרלאַנגען זיינע נכסים און דעם טאַטנס שטוב. דערמאָנט זיך מעשה קעלץ און די רציחות אויף די באַנען. און דעם דייטש זיינען זיי מוחל דעם חורבן פון זייערע שטעט, און אפילו די שׂהיטות אויף זיי גופא; ניט מוחל זיינען זיי אים, וואָס ער האָט פאָרט ניט באַוויזן צו פאַרברענען אַלע אידן. און זיך זיינען זיי ניט מוחל: נאַכסאַל האָבן זיי פריער ניט געוואוסט, אַז לית דין ולית דיין, אַז אידן מעג מען טרעטן כטיט חוצות. און איר, חיים, האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס. געמיינט האָט איר, אַז ווי איר קומט אַהיים, וועט אייך עשׂו פאַלן אויפן האַלז, און עס וועט ווערן אַ קושעניש, א וישקהו אָן פּינטעלעך... און ער וועט אייך זאָגן: יש לי רב אחי, יהי לך אשר לך. אָבער דער היינטיקער עשו איז ניט דער עשו פון חומש, און איר זייט אויך ניט יעקב. געקומען צוריק זייט איר אָן צוויי מחנות, און על אחת כמה וכמה קענט איר ניט זאָגן ווי יעקב: עם לבן גרתי והריג מצוות שׂמרתי.

ווען איר זייט אַנטלאָפן פון אידישקייט, האָט איר אייער פליטה פאַרשטעלט מיט הויכע נעמען. דער אויפגעקלערטער האָט גערעדט מיט גוואַלטיקער מליצה וועגן דער בת השמים, וועגן דער השכלה, און געמיינט האָט ער צו ווערן — אַן אַפּטייקערל. געגלוסט האָט איר צום סיר הבשר פון מצרים. איינגראָבן זיך אין פלייש־טאָפּ און קיינער זאָל אייך ניט קוקן אין די אויגן, ווי דער קמצן וואָס האָט פיינט אַז מ׳זיצט דערביי ווען ער עסט. ביי די אומות העולם איז דער עיקר דער יחיד, זיין ממשלה, זיין הנאה און זיין מנוחה. זיי פאַרשטייען אָבער, אַז אויב זיי זאָלן גיין מיטן גאַנג פון „כל דאלים גבר", וועט איינער אויפפרעסן דעם אנדערן,

האָבן זיי געמאַכט אַ מלוכה פון יחידים: שטער מיר ניט, וועל איך דיר
ניט שטערן. ביי אידן איז דער יחיד כמאן דלית דמי, דער עיקר איז דער
ציבור. וואָס עס איז גוט פאַרן כלל ישראל, מוז זיין גוט אויך פאַר
ר׳ ישראל. און ביז צו אייער מרידה האָבן אידן געלעבט אינאיינעם ביים
דאַווענען, ביים לערנען, אויף שמחות און אויף לוויות. האָט איר אָבער
געהעצט די שבטים: איש לאהליך ישראל, קינדערלעך, מאַכט איטלעכער
שבת פאַר זיך, ווי די אומות העולם. און ניט בלויז ביים לעבן, שטאַרבן
האָט איר אויך געוואָלט איטלעכער באַזונדער. מען זאָל אייך, נאָך הונ־
דערט מיט צוואַנציק יאָר, ניט אויסמישן מיט די אַנדערע מתים, האָט
איר אַ גאַנץ לעבן זיך געשטעלט מציבות. איינער דורך זיינע גרויסע
מעשים; דער צווייטער דורך איינגעבונדעוועט זיין ממשלה; דער דריטער
דורך אַ פאַנאַנדערגעוואָקסענע פירמע אויף זיין נאָמען; און איר און
אייער גלייכן — דורך שרייבן ביכער. אויפן פאָרזאָג: „איר זאָלט ניט
האָבן קיין אָפּגעטער", האָט איר ניט עובר געווען. ניין! חלילה! איר האָט
זיך אַליין געמאַכט פאַר אַ גאָט. איר האָט פאַראויסגעזאָגט אַ נבואה: דער
מענש וועט ווערן אַ גאָט. איז ער טאַקע געוואָרן אַ טייוול. און אייך ער־
גערט זייער שטאַרק, הלמאי מיר האָבן ניט קיין בנינים ווי אָט אַ־דער
מיט די פאַרגרינגטע פאַרשימלטע שטיינערנע מענשן, וואָס שטייען אין
אַלע ווינקלען, אויף אַלע גאַרנס. גריילעך וואָלט איר זיך געשטעלט אַ
דענקמאָל. און איר קוקט מיר עפּעס אויפן בנין ווי איר וואָלט געזוכט
אַ ליידיקן פענסטער, וואו איר זאָלט זיך קענען אַרויפשטעלן, ווי אָט יע־
נער גולם... וואָס־זשע וואַרפט איר זיך, ר׳ חיים? מיר האָבן דאָך אָפּגע־
שמועסט, אַז איר וועט ניט ווערן בייז? ניט אייך מיין איך. איך זאָג עס
על פי משל. נאָר אויב איר פילט זיך, מיין איך טאַקע אייך אויך! רשעים
כים נגרש, די רשעים זיינען ווי אין ים די כוואַליעס. יעדע פון זיי מיינט,
אַז זי וועט אריבערשפרינגען דעם ברעג. כאָטש מיליאָנען כוואַליעס ווערן
פאַר אירע אויגן צעפּיצלט. יעדער עולם־הזה׳ניק קלערט, אַז אים וועט
זיך איינגעבן וואָס קיין אַנדערן האָט זיך ניט איינגעגעבן. ווייסט איר דאָך
שוין ווי אייך האָט זיך איינגעגעבן! נאָר אנשטאָט צו זוכן אַ טרייסט אין
רבינו של עולם און אין כלל ישראל, זוכט איר די גלעזערנע שערבלעך
פון אייערע געפּלאַצטע חלומות. און ווי ווייניק איר וועט ניט האָבן עולם
הבא, האָט איר עולם הזה — נאָך אַ סך ווייניקער.

פונדעסטוועגן זיינען ניט אַלע וועלטישע געווען פורקי עול לחלוטין.
אַ טייל האָט נאָר געקרעכצט: אידישקייט האַלט אין איין וואַקסן. די גמרא
אויף דער משנה. דער אלפס אויף דער גמרא. דער בית יוסף אויפן טור.
און דער ב״ח, דער ט״ז, און דער ש״ך אויפן בית יוסף. מען דאַרף אַראָפּ־
נעמען אַביסל, כדי דאָס איבעריקע זאָל זיין לייכטער צו דערטראָגן. אָבער
וואָס מער זיי האָבן זיך לייכטער געמאַכט, איז זיי דאָס געבליבענע גע־
וואָרן אַלץ שווערער. און מיר איז גרינג צו פאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך, און
זיי האַלטן קיים אויס אַ תענית איינמאָל אַ יאָר. און אַז דער טאַטע האָט

אראפּגענומען אַביסל, האָט דער זון עס אָוועקגעוואָרפן בכלל. און ער איז גערעכט, דער זון! אויב אַזוי ווייניק, דאַרף ער עס לגמרי ניט. אַ האַלבער אמת איז קיין אמת ניט. אַ מענטש, בפרט אַ יונגערמאַן, באַדאַרף אַזאַ אמונה וואָס זאָל פאַרנעמען אינגאַנצן זיין שכל און זיין התלהבות. ביי חרדים טוט מען אָן אַ יאַרמלקע אַ קינד פון אַ יאָר, ער זאָל זיך געוואוינען אין מצוות. נאָר אַז אַ וועלטלעכער טאַטע הייסט זיין אויסגעוואַקסענעם קדיש אינמיטן דרינען פרייטיק אויפדערנאַכט אָנטאָן אַ פּאַפּירענע יאַרמלקע און מאַכן קידוש, איז מעג עס טאַקע האָבן ביים בחור אַ פּנים פון חוזק. אַז אין בריאת העולם גלייבט ער ניט, און אַז יציאת מצרים איז ביי אים אַ קנאַ־פּער נס, און אַז שיר השירים איז פאַר אים אַ ליד פון אַ פּאַסטעך מיט אַ פּאַסטעכקע, רחמנא ליצלן, און ניט קיין שיר פון אהבה צווישן כנסת ישראל און הקדוש ברוך הוא, אָדער צווישן דער נשמה יתירה און כביכול, — היינט צו וואָס זאָל ער, דער אויסגעוואַקסענער בייבאַק מאַכן קידוש אין היטן שבת? און דער וואָס האָט געמיינט, אַז מען קען בלייבן ביי די יסודות און זיך אָפּזאָגן פון די ענפים, איז גלייך צו איינעם וואָס האַקט אונטער דעם בוים און וויל, אַז די וואָרצלען זאָלן ניט פוילן. הארון נושא את נושאיו, די תורה טראָגט אונז ווי אַן אָדלער זיינע קינדער. כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף. ווי אַזוי קען דער אָדלער טראָגן, אַז מען האָט אים אָפּגעשאָרן די פליגל?

איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, חיים, אַז אַ בעל מוסר געדענקט זייער שאַרף די בקורת וואָס מען זאָגט אים. געדענקט איר ווי איר האָט אין ביאַליסטאָק אויף דער גאַס מיר אַריינגעזאָגט, אַז מיר אַנטלויפן אין פּרישות און בדידות, ווייל מיר ווילן בעסער גאָרניט קיין עולם הזה — איידער ווייניק עולם הזה... דאָס איז אמת. מיר ווילן אַ גרויסן, שווערן שולחן ערוך, נאָך מער מצוות, נאָך מער דינים, נאָך מער סיגים. מיר ווייסן, אַז אַלע הנאות פון לעבן זיינען ווי געזאַלצן וואַסער: וואָס מער די טרינקסט, ווערסטו דאָרשטיקער. ווילן מיר אַ תורה וואָס זאָל אונז אויספילן אינגאַנצן.

און ווען דער רבונו של עולם וואָלט געקומען צו מיר און געזאָגט: הערש, ביסט אַ בשר ודם, ס'איז צו שווער תרי"ג איך וועל אַראָפּנעמען אַביסל, ביסט ניט מחויב, שרעק זיך ניט, עולם הבא וועסטו קריגן ש"י עולמות, און ביי תחית המתים וועסטו אויך זיין... איר פאַרשטייט, חיים, וואָס דאָס מיינט צו זיין ביי תחית המתים און זען אויפשטיין די אַלע אידן וואָס זיינען געפאַלן ביי מיינע פיס אין די לאַגערן? אוי, רבונו דעלמא כולא!... איז ווען דער אב הרחמים זאָל פון מיר פאַרלאַנגען ווייניקער מסירת נפש, וואָלט מיר דעמאָלט געווען זייער ביטער. און איך וואָלט מתפלל געווען: אב הרחמים, איך וויל ניט מיר זאָל ווערן גרינגער, איך וויל מיר זאָל ווערן שווערער. מחמת לעת עתה איז מיר נאָך צו גרינג. וואָס פאַר אַ האַפט קען האָבן דאָס לעבן פון אַ פּליט, פון אַ אידן וואָס איז ניצול געוואָרן פון קרעמאַטאָריע, אויב ער זאָל זיין שטיקל געראַטעוועטע לעבן ניט האַלטן שטענדיק גרייט עס מקריב צו

זיין פאַר דער תורה? אָבער איר, האָט איר כאָטש אַזאַ העזה צו דער וועלט ווי איך צום רבונו של עולם? ווען איר האָט געלערנט, זייט איר דאָך געווען אַזוי שטרענג, אַזוי גאווה׳דיק און שטאָלץ, איר האָט זיך געוואָלט דערגראָבן נאָר ביזקל גרונט פון אמת. איר האָט ניט געוואָלט מסכים זיין צום „תכלית הידיעה שלא נדע". „אַ תורה פון חוקים, וואָס איך קען ניט באַנעמען מיטן שכל, וויל איך ניט!" — האָט איר מיט פאַרריסנקייט געזאָגט. און איצט איז ביי אייך רעכט צו קריכן אונטערן טיש פון לעבן, טאָמער וועט אייך צופאַלן אַ ביינדל פון די טרייפע תענוגים, אַ פאַרדאַרט כזית׳ל עולם הזה? אָט דאָס איז געבליבן פון אייער פאַרמעסט און שטאָלץ אין מלחמת החיים? איך קוק אויף אייך און טראַכט: איך בין נאָך זייער ווייט פון דעם וואָס איך דאַרף זיין. וואָלט איך געשטאַנען אויף אַ העכערע מדרגה, וואָלט מיין האַרץ באַדאַרפט צעריסן ווערן פון רחמנות צו אייך.

נאָר סיי דער מסית ומדיח וואָס האָט אַלץ אָפּגעלייקנט און סיי דער פוסח על שתי הסעפים, וואָס האָט עפּעס איבערגעלאָזט, איז, אַז זיי האָבן געוואָלט באַווייזן זייער אַמיצות אין שכל הישר — האָבן זיי קודם כל געזידלט דעם כלל ישראל, אַז ער איז פאַרוועבט אין שפּינוועבס פון פּילפּול; אַז ער לעבט אויף אַ בית־עולם פון שדים־מעשיות; אַז ער האַנדלט אויף פּוסטע מערק מיט שה״י פּה״י, מיט מעקענע אין ווינט, און מיינט, אַז הינטער דער איינגעפאַלענער מיל אויפן שטעטלשן באַרג ענדיקט זיך די וועלט. דער סופר דער פיקה האָט עס באַשריבן מיט גרויס אמנות און דער איש גם האָט געלאַכט. דערביי האָבן נאָך די וועלטישע בעלי מוסר מיט די משכילישע בערדלעך געזאָגט אַ פּסוק: את אשר יאהב יוכיח, זיי האָבן, הייסט עס, ליב אידן, דערפאַר שטראָפן זיי אונז. אָבער פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געזען אַנדערשוואו זיינען זיי געפאַלן כורעים. אונז האָבן זיי אָנגערופן „מה יפית׳ניקעס" — און מיט זייער נשמה ווי מיט אַ שמאַטע אויסגעווישט די שטיוול ביי יעדן פריץ. מער ווי פון אַלץ האָט סיי דער אָפּענער פורץ גדר און סיי דער וואָס האָט אונטערגעדאַוונט און אונטערגעזינדיקט, ביידע זאַכן בשתיקה, כדי זיך ניט צו צעקריגן מיט קיין צד... מער ווי פון אַלץ האָבן זיי אָפּגע׳חוזק׳ט פון דעם „אתה בחרתנו". יחסנים, האָבן זיי געלאַכט, זיינען מיר? אַז אַך און ווי צו אונזער יחוס! און דער אמת איז טאַקע, אַז איר זייט מיט גאָרניט קיין יחסנים. די בני נח זיינען פאַרזאָגט אויף שבע מצוות. און איינע פון זיי איז שפיכת דמים. (זיי האָבן זיך שוין איינמאָל אויסגעהיט פון שפיכת דמים!) און אונזער גאַנצע אויסדערוויילטקייט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס מיר האָבן אָפּצוהיטן אַ שווערע תורה, וואָס די אומות העולם זיינען ניט מחוייב, פונקט ווי די כהנים זיינען אויסגעטיילט צווישן אונז, ווייל זיי האָבן מער הזהרות און מצוות. אָבער די וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אידישע קדושה זיינען בפירוש ניט מער יחסנים ווי אַנדערע. קיין יחסנים זייט איר ניט — נאָר איר מוזט עס זיין! ווייל אַזוי

וויל דער אייבערשטער — ניט איר! מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט עס דער אלוקי ישראל אָנגעזאָגט דורך יחזקאל הנביא: והעולה על רוחכם היה לא תהיה, און וואָס אייך קומט אייפּן זינען, זיין וועט ניט זיין, אשר אתם אומרים נהיה כגוים כמשפּחות הארצות, וואָס איר זאָגט, מיר וועלן זיין ווי די פעלקער, ווי משפּחות פון לענדער, חי אני, דער אייבערשטער שווערט ביי זיין לעבן — איר הערט: ביי זיין לעבן! — אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליהם, אייב ניט מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן וועל איך קעניגן איף זיי. איך פאַרטייטש עס אייך אויף אידיש, ווייל איר זייט דאָך אַ אידישער שרייבער, איז שרייבט זיך עס אָן אויף אייער שטערן. איר קרימט זיך. אַ פּסוק איז פאַר אייך קיין ראיה ניט. אָבער דער דייטש איז שוין יאָ אַ ראיה, האַ? היינט ווילט איר ניט געדענקען אייער אַמאָליקן חוזק צוליב די פאַר־שניטענע אידן. אָבער מאָרגן, אַז איר וועט פאַרגעסן דעם חורבן, וועט איר זיך ווייטער אויסלאַכן פון דעם „אתה בחרתנו”, וויל איך אייך עפּעס דערציילן.

בעת איך בין געלעגן אין לאַגער אויף דער ערד, און דער דייטש האָט מיך געהאַקט מיט זיינע געפּאַדקעוועטע שטיוול, איז ווען אַ מלאך אלוקים בייגט זיך דעמאָלט אָן צו מיר, און זאָגט מיר אייפּן אייער: הערש, אָט מאַך איך אין איין כהרף עין דו זאָלסט זיין דער דייטש, איך טו דיר אָן זיין בגד, איך גיב דיר זיין רוצחישן פּרצוף, און ער וועט ווערן — דו. זאָג נאָר איין וואָרט, און עס וועט געשען דער נס. ער וועט ליגן אין בלאָטע, און דו וועסט אים האַקן מיט די שטיוול אין דיין... אין זיין פאַרבלוטיקט פּנים. איז ווען דער מלאך כּרעגט עס מיר, — הערט איר, חיים? — וואָלט איך בשום אופן ניט מסכים געווען. אַפילו אויף איין רגע וואָל איך ניט מסכים געווען צו זיין ער, דער דייטש, מיין פּייניקער. צדק הדין וויל איך! נקמה נעמען אָן גזלן וויל איך! אָבער ווי אַ איד וויל איך עס. זיינע שטיוול אויף מיין גאָרגל האָב איך נאָך געקענט מיטן אייבערשטנס חסד אַריי־בערטראָגן, נאָר ווען איך מוז אַרויפשלעפּן אויף מיין פּנים זיין מאַסקע, זיין רוצחישן פּרצוף, וואָלט איך גלייך דערשטיקט געוואָרן ווי פון גאַז. און ווען דייטש האָט געשריען צו מיר: דו ביסט אַן עבד עבדים! האָב איך מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּן צו זיך געזאָגט: בחרת בי...

און פרעגן וויל איך אייך פרעגן נאָר איין קשיה, ניט מער. וואָס עס איז געשען, ווייסן אַלע אידן. וכל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף השם: אַלע אידן באַוויינען אַ דריטל פון אונזער פאָלק וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם. מער ניט אַ בעל רגש ווייס, אַז ניט אַ דריטל פון בית ישראל איז פאַרשניטן געוואָרן, נאָר אַ דריטל פון אים אַליין, פון זיין גוף, פון זיינע אברים, פון זיין נשמה. און ער איז איצט אַ בעל מום בפועל ממש. און אַ חשבון מוזן מיר מאַכן. איר — אַזוי גוט ווי איך. און דער וואָס מאַכט ניט דעם חשבון איז אַ רשע

מרושע, טעמפ אין פארוואקסן ווי די חיה אין וואלד. איז לאמיר ביידע מאכן דעם חשבון: מעגן מיר על פי מידת הדין און מידת הרחמים מוחל זיין די רוצחים? ניין מיר טארן ניט! עד סוף כל הדורות טארן מיר זיי ניט מוחל זיין. און אויב א רוצח וואלט אין הונדערט יאר ארום אויפגעוועקט א דער׳הרג׳עטן פון קבר און געזאגט אזוי צום קדוש: מיך שטיקט דיין דם נקי, און איך קען ניט שטארבן, זיי מיר מוחל, ס׳איז אריבער הונדערט יאר זינט איך האב דיך אומגעבראכט, און די וואלסט איצטער סיי ווי סיי געווען טויט... וואלט דער קדוש ניט געטארט מוחל זיין דעם מערדער, ניט פאר זיך און ניט פאר זיינע קינדער, וואס זיינען ניט געבוירן געווארן צוליב דער הריגה פון זייער פאטער. און אויב ער וואלט יא מוחל געווען דעם רוצח, וואלטן אים, דעם קדוש, די אנדערע קדושים ניט אריינגעלאזט צוריק אין גן־עדן און אפילו ניט אין גיהנום. וואדים מוחל זיין די רוצחים איז א פרישע רציחה, און דאס מאל — פון א ברודער קעגן א ברודער. נאר ווי אלע ווייסן, האלטן גארניט די פייניקער ביי בעטן מחילה. און צווישן די שופטים, די מנצחים אין דער מלחמה, זיינען דא לרוב אזעלכע, וואס האבן הרטה למאי זיי האבן אויפגעהאנגען א הייפל תלינים. און די וועלט פון די ווייכהארציקע פעלקער האט א נייע סיבה אונז פיינט צו האבן. צוליב אונז, זאגן זיי, האבן זיי אומגעבראכט דייטשן, צוליב אונז, די אכזרים. און זיי אליין, די געסטאפאווצעס מיט זייערע באהעלפער מכל אומה ולשון, גייען ארום פראנק און פריי און לאכן אין די הייפנס. זיי זיינען בטוח, אז קיין משפט אויף זיי וועט מער ניט קומען.

אבער מיר ביידע טארן ניט צוטאן מיט קיין אויג ביינאכט. מיר טארן ניט אנטלויפן פון די יללות, פון די אייגן און די אויסגעשטרעקטע הענט פון די אומגעקומענע; אויב מיר זאלן אפילו מוזן איינגעבראכן ווערן פון אנגסט און יסורים, טארן מיר ניט אנטלויפן פון זייער געשריי. נאר וואס דען? איך ווייס, אז דער חשבון איז נאך ווייט ניט פארענדיקט. און מעולם לא עלתה על דעתי, אז מחוץ דעם אל קנא ונוקם וועט עמעצער אין דער וועלט נקמה נעמען פאר די עופעלעך, וואס געסטאפאווצעס האבן אנגעשטאפט אין די באנען קיין טרעבלינקע, און זיי האבן געטראטן מיט די שטיוול די צארטע גופים׳לעך, כדי אין די וואגאנעס זאלן קענען אריינגיין וואס מער קינדער... דערפאר איז ביי מיר ניטא קיין ספק־ספקה, אז דער יום הגדול והנורא — הנה בא! און ווען איך הער ווי מענטשן פילפלען זיך און פאליטיקע, און חשבונען אויס דעם מצב פון די כוחות, און דעם יחס צווישן די מדינות — ווייס איך, אז ס׳איז נאך דא אן אנדער בוכהאלטעריע געשריבן מיט בלוט און פייער. און ס׳איז ניט שייך ביי מיר צו פרעגן, צי איך וויל עס יא, צי איך וויל עס ניט? — אזוי מוז עס זיין! און דאס האלט מיך, איך זאל קענען רואיק גיין מיין וועג און עבודת הבורא.

אבער איר, הרב, ווי אזוי עסט איר און שלאפט און לאכט און גייט פארפוצט, איר דארפט זיך דאך פריער אויסחשבונען? ווי קענט

איר זיך שטיפן אין דער וועלט בעת איר ווייסט, אַז זי הבר׳ט זיך מיט די רוצחים פון אייערע בני בית? איר האָט דאָך געגלייבט אַז די וועלט גייט צו בעסער! אייער וועלט איז דאָך אונטערגעגאַנגען! איר האָט עפּעס געלערנט פון דעם, אָדער ניט? איך דאַרפט מיך אויך פרעגן די זעלבע קשיה: און וואָס האָט איר געלערנט? ענטפער איך אייך: איך בין געוואָרן נאָך מער מאמין. וואָלט איך געבליבן אויף דער זעלבער מדרגה פון אמונה ווי פריער, וואָלט עס געווען אַ בזיון פאַר די קדושים. מיין ענטפער איז: — נאָך מער מסירת נפש פאַרן רבונו של עולם. שרייען עד כלות הנפש: כי עליך הורגנו כל היום. אַרומגיין ביז יציאת הנשמה מיט אַ צעכראַסטעטע האַרץ און איפּגעהייבענע הענט צום הימל: טאַטע־פאָטער, נאָר דו ביסט אונז געבליבן! אָבער וואו זייט איר פאַראויסגעגאַנגען, אָדער צוריקגעגאַנגען? וואָס האָט זיך ביי אייך געביטן? וואָס איז אייער ענטפער? —

ח.

דער ראסיינער האָט גערעדט מיט אַ טרוקענעם פייער און האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט פון זיינע אייגענע רייד. איך האָב געזען ווי ער לאָדט אויס אַ פאַרשטיקטן כעס. ענדלעך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן מיט פאַרביסענע ליפן ווי ער וואָלט זיך אַליין מיט גוואַלד באַפוילן צו שווייגן. זיין שטומקייט האָט בולט׳ער געמאַכט די פאַר־שפיצטע ביינערקייט פון זיין גוף. ער האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, דעם לינקן עלנבויגן אויסגעבויגן אין אַ שאַרפן ווינקל, אים איינגעגראָבן אין דאָרן קנעכל פון זיין אייבערשטן פוס, מיט דריי פינגער זיך איינגעקלעמט אין זיין געדיכטער באָרד ביי דער גאָמבע, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אַריפגעקוקט צו מיר פון אונטער די געדיכטע ברעמען מיט אַן אָנגעשפּיזטן בליק.

דערווייל איז די אָוונטיקע בלויקייט געוואָרן טונקעלער. די שטיי־נערנע פיגורן אַרום האָטעל דע וויל האָבן זיך איינגעשרומפּן ווי דער־שראָקענע פון דעם ראַסיינערס רייד און פאַמעלעך זיך אַריינגערוקט אַלץ טיפער אין די נישעס פון די ווענט. דער אַלטער פאַריזער ראָט־הויז איז געלעגן אין האַלבער פינצטערניש. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיק־צעוואַקסענע כימערע וואָס איז פון נאָענטן מיטלאַלטערלעכן קלויסטער „די הייליקע מוטער פון פאַריז״ אַראָפּגעפלויגן אויף דעם פּיסטן „פּלאַץ פון די גרויזאַמקייטן״. די אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן איינגעפּלעמלט אין אַ מאַטער גרינקייט די אַרומיקע געגנט. שוואַרצע גלאַנציקע אויטאָס האָבן זיך געגליטשט אַן גערויש איבער דעם אַספאַלט. אַ שיטער דראָבנע רעגנדל האָט אַ טריף געטאָן. באַלויכטענע פענצטער האָבן זיך צעשפּיגלט אין פּייכטן ברוק. די דורכ־גייער אויף דעם אַנטקעגנדיקן טראָטואַר האָבן מיר אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך באַוועגט מיט שטילע געהיימע טריט הינטער אַ זיידענעם דינעם פאָרהאַנג, געוועבט פון זמערדיקן רעגן.

פון אונזער פאַרשאָטנטן ווינקל אַרום דעם לידיקן סעדל האָט איך אַריבערגעקוקט אויף דער אַנדערער זייט. אין עלעקטרישן שיין האָבן די רעגן־טראָפּנס אין דער לופט אויסגעזען, ווי מיליאָנען פייער־פליגעלעך וואָלטן זיך געאיילט פון הימל צו דער ערד מיט אַ פאַר־שמייעטער פרייד. מיך האָט אַ צי געטאָן זיך אויסצומישן אין מענטשן־שטראָם וואָס האָט געפליצט אויף די אַרומיקע באַלויכטענע גאַסן. איך האָב זיך אַ ריר געטאָן און דערשפּירט ווי שפּילקעס קריכן אַרום

אין מיינע אָפּגעזעסענע גלידער. דער לייכטער רעגן האָט גלייך אויפ־געהערט. הערש איז געזעסן נעבן מיר אַ פאַרוואָקסנער מיט טויבקייט, זיינע פּלייצעס האָבן געשטאַרצט שטעכיק און זיין אָנגעבויגענער קאָפּ איז איינגעזונקען אין דער שוואַרצקייט. ער האָט געוואַרט אויף מיין ענטפער.

— ר׳ הערש, האָב איך לסוף געזאָגט, איך האָב אייך געהערט און צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך הער זיך אַליין. און זאָגן אַ ליגן זיך אַליין איז שווערער ווי זאָגן אַ ליגן יענעם, וועל איך אייך ענטפערן ווי דעם אייגענעם געוויסן, ניט סתם יוצא צו זיין און ניט כדי אַרויסצוגיין דער מנצח. איך בין אויך ניט מחויב אַלץ צו קענען פאַרענטפערן. איך האַלט גאָרניט אַז ס׳איז אַזאַ גרויסע מעלה ווען אַ מענש האָט ניט קיין ספקות. והדע, אַז פּונקט ווי די גרויסקייט פון מאמינים ליגט אין זייער תמימות און גאַנצקייט, ליגט די גבורה פון וועלטישע בעלי־מחשבה אין דעם וואָס זיי קענען איינשטעלן און לעבן מיט ספקות. איר האָט אייער אמת ניט אויסגעפונען, נייערט מקבל געווען אַ פאַרטיקן. ווען מען פרעגט אייך אויף אייערער אַ הנהגה וואָס איר אַליין ווייסט ניט איר כוונה, ענטפערט איר: מעשה אַבותי בידי. אַ מענש איז אַ מורד על־פּי רוב אין זיין יוגנט, אויף דער עלטער זוכט ער מנוחה. איר האָט געהאַט מנוחת הנפש אין דער יוגנט, און איך האָב עס אויך ניט איצטער, ווי איר האָט עס מיר אַמאָל פאָראויס־געזאָגט. אָבער איז דען אייער מנוחה הנפש אַ ראיה אַז דער אמת איז מיט אייך? ביי אייער גאַנצן קענען זיך מפקיר זיין, איז דאָ אין אייך אַ צופרידנקייט מיט זיך אַליין. איך בין, זאָגט איר, געבוירן געוואָרן אין אַ כתנת פסים — מיטן אמת. און אייער משל מיטן הונט וואָס וויל באַווייזן אויףביידע חתונות איז בפירוש אַ גראָבער און אַ גאווה׳דיקער משל, דערצו נאָך איז ער אַ פאַלשער.

דעם „אַלטן", דעם מיסד פון נאָוואַרעדאָק האָט מען גערופן דער „בעל ההורים", ר׳ יוסף־יויזל זאָל האָבן אָפּגעזעסן יאָרן־לאַנג אָפּגעזונדערט אין אַ וואַלד־שטיבל מיט צוויי לעכער אין דער וואַנט. דורך איין עפענונג האָט מען אים דערלאַנגט מילכיקס און דורך דער צווייטער — פליישיקס. ווען ער איז אַרויס פון זיין התבודדות אין דער וועלט, איז געוואָרן זיין שיטה: מילכיקס אָדער פליישיקס, אַהער אָדער אַהין, נאָר ניט קיין פּאַרעווע אידישקייט. אָט די תורה האָבן זיינע תלמידים, און איר בתוכם, איבערגענומען. אויך מיר זוכן אַ גאַנצקייט, ניט קיין פּאַרעווע פשרה. און אייערע רייד, אַז אונז האָט זיך פאַרוועלט אַ קליין תורה׳לע, אונז זאָל ווערן גרינגער — זיינען סתם דברים בעלמא. גראָד פאַרקערט, מיר מאַכן זיך נאָך שווערער, ווייל מיר נעמען אויף זיך אַ דאָפּלטן חוב הן לגבי אידישקייט און הן לגבי וועלטישקייט. מיר ווילן ניט אַז אונזער אידישקייט און וועלטישקייט זאָלן לעבן אין אונזער שטוב ווי צעקריגטע מאַן און ווייב. איז זוכן מיר צוזאַמען צוברענגען מאַן און ווייב אין אַזאַ שלום, אַז קיינער

זאָל זיך ניט דאַרפן אָפּזאָגן פון זיין רעכט און זיין כאַראַקטער, נאָר פון זיינע משוגעת׳ן. און אין נמשל מיינט עס: געפינען דעם תוך פון אידישקייט און וועלטישקייט וואָס קענען גיין צוזאַמען.

איר האָט געזאָגט, אַז ביי אידן איז אַלעמאָל געווען דער עיקר דער ציבור, ניט דער יחיד, ביז מיר זיינען געקומען און הרוב געמאַכט דעם כלל. אונז האָט זיך פאַרוועלט זיין ווי די גויים וואָס ביי זיי איז דער עיקר — „איך״. און כדי מיר זאָל ווי טאָן, האָט איר מיר דווקא געוואָלט איינרעדן, אַז איך וויל אַרויספּקריכן איופן האַטעל דע וויל און זיך דאָרט אוועקשטעלן ווי אַ לעבעדיקער דענקמאָל נאָך זיך אַליין. איר מעגט דאָך אָפּ׳הוזק׳ן, וואָרים איר זייט מכוין לשם שמים. וועל איך ניט אָנפאַנגען איצטער אייך דערציילן מעשיות פון היסטאָריע וועגן פרנסים, תקיפים און נגידים וואָס האָבן געמאַכט דעם כלל ישראל פאַר זייער פוס־בענקעלע. אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט, אַז ביז מיר זיינען געקומען איז ביי אידן געווען אַלעמאָל דער עיקר דער ציבור... איך וועל אייך ענטפערן: יאָ. אונזער וועלטישקייט איז אין באַפרייען דעם יחיד. איר טענה׳ט אַז דער מענש דאַרף זיין אייגענעם „איך״ אויסרייסן ווי קראָפּעווע. נאָר זינט הונדערטער יאָרן זיינען מענשן געגאַנגען אויף אַלע פייניקונגען און טויטן, כדי דער רבים זאָל באַשטיין פון זאַטע און פרייע יחידים. ס׳איז שוין איצט רעכט פינצטער, קען איך אייך ניט ווייזן די דענקמעלער פון די מענשן וועמען מען האָט אַראָפּגעהאַקט די קעפּ, ווייל זיי האָבן דווקא געוואָלט פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע מענשן. נאָר וואָס טויג מיר צו זוכן גבורים ביי פרעמדע פעלקער און פון אַמאַליקע תקופות? איך קען אייך איצט אָנהייבן לייענען אַ מגילה און ענדיקן איבערמאָרגן וועגן אינגלעך און מיידלעך פון אונזער גאַס, וואָס האָבן אָפּגעפינצטערט זייער יוגנט אין די תפיסות, ווייל זיי האָבן דורכאויס געוואָלט איבערמאַכן די וועלט. און איר אַליין ווייסט גאַנץ וואויל פון אידישע אַרבעטער וואָס האָבן געפירט מלחמות אין אונזערע צייטן און אין לאַנגאַניקע צייטן מיט אַלע נוגשים און שוטרים. מער ניט איר פאַרגינט ניט, אַז אייך פרייע זאָלן קענען זיך מקריב זיין — שרייט איר, אַז זיי זיינען אַוועק פון אידישקייט בלויז צוליב טרייפע הנאות. דאָס איז עקר מוחלט. איך האָב געקענט אויף אונזער גאַס אַזוי פיל „מבקשים״ ווי איך נאָוואַרעדאָק — און נאָך מער. איר, ר׳ הערש, האָט מבטל געווען די וועלט, זייט איר פאַרקראָכן אויף אַ בוידעם. אָבער די דאָזיקע יונגעלייט וואָס האָבן שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבן, האָבן זיך מפקיר געווען — אויפצוריכטן די וועלט.

היינט וואָס פאַר אַ תביעה האָט איר צו אונז פאַר דער וועלט? איר אַליין האָט געזאָגט אַז מיר האָבן גע׳חלומ׳ט פון אַן אַנדער וועלט אַ בעסערער — איז דאָך מעיקרא דדינא פירכא. מיר זיינען גע־גאַנגען אין דער וועלט מיט אונזער אייגענער וועלט, ווי די אידן אין מדבר האָבן געטראָגן דעם ארון מיט די לוחות הברית, כדי אַריינצוגיין

אין לאַנד כנען מיט אַן איגענער תורה. איר לאַכט אַ וויסט געלעכטער: איר האָט זיך אָפּגענאַרט, זאָגט איר. פרעג איך אייך: זאָגט איר זיך אָפּ פון אידישקייט, ווייל די שומרונים, די כותים און די קאַראַאימער האָבן פאַרקרימט און פאַרקריפּלט תורת משה?

אָבער פאַרוואָס דאַרף איך זיך פאַר אייך פאַרענטפערן? איר זעצט מיך אַוועק אויף איין באַנק מיט די רוצחים און מאָנט ביי מיר אַ חשבון פאַר דער וועלט. איך קען זיין ניט קיין ערגערער קטיגור ווי איר זייט. איך קען אויף אייך שרייען און ביי אייך מאָנען. איר זייט שולדיק אויב מיר זיינען אַוועק צו ווייט פון אידישקייט! איר האָט פאַרמאַכט טיר און טויער און ניט אַרויסגעלאָזט אין גאַס. טאָמער האָט איינער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און איר האָט אים ניט געקענט אַריינשלעפּן צוריק פאַר די פּיס, האָט איר אים אַרויסגעשטויסן אינ־דרויסן און הינטער אים פאַרקלאַפּט די טיר מיט קללות. האָט ער ניט געהאַט וואו צוריק צו גיין, איז ער אַוועק נאָך ווייטער ווי ער האָט אַליין געוואָלט. איר זייט פון דור צו דור געוואָרן פאַרפרימטער און פינצטערער. איר האָט פאַרשטאָפּטע הערצער און טויבע אויערן פאַר אַלע חכמות פון דער וועלט. דאָס זיינען דברים בטלים, לאַכט איר. ווען איר קענט, שטעלט איר ווידער אין קונע, ווי דער ווילנער גאון האָט עס געטאָן מיט אַ פרומען משכיל וואָס האָט זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז די בעלי־המדרש זיינען ניט געווען קיין גרויסע מדקדקים. איר וואָלט נאָך היינט פאַר דעם קלענסטן חטא עוקר מן השורש געווען. נאָר ווייל איר קענט ניט, קריגט איר אַ קורצן זכרון. איר געדענקט ניט, כלומרשט, אייערע רדיפות אויף איטלעכן וואָס האָט זיך דער־וועגט צו זאָגן עפּעס אַנדערש ווי איר אָן אַן אסמכתא פון חז״ל און אַפילו מיט אַן אסמכתא. אַ לעבן־לאַנג האָט איר געלערנט דעם „מסילת ישרים“. ווייסט איר כאָטש וויפל מען האָט געיאָגט זיין מחבר, וויפל חשדים מען האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן, וויפל בלוט־צאַפּעניש מען האָט אים פאַרשאַפט און זיך געראַיעט אין זיינע כתבים — ווייסט איר עס כאָטש? און איר אַליין האָט זיך דען ניט געראַיעט אין די קעסט־לעך פון די ישיבה־אינגלעך און געזוכט דאָרטן ביכלעך? און אַפילו אין דעם מאָמענט איז דען ניטאָ אין אייער קול — דער קול שופר פון חרם? און ברענען ניט אין אייערע אויגן די שוואַרצע ליכט פון חרם? און מיינט איר אין דער אמת'ן, אַז מיט אייער קאַכעניש האָט איר מער ליב אידן ווי די סופרים וואָס האָבן געבלוטיקט ווען זיי האָבן געשריבן בקורת אויף דער אידישער קהילה? און האָט איר זיי ניט געלייגט אונטערן פאַרקאַן, אויב נאָר איר האָט געקענט, און קיין מצבה ניט געשטעלט?

ווי ווייט איר פילט זיך פרעמד פון אַלע וועלטישע אידן זע־איך גאָר באַזונדער אין דעם וואָס די גאַנצע צייט האַלט איר אין איין איבערקייען „מיר“ און „איר“. מיר לײדן נעבעך אומזיסט, לאַכט איר. מיר ווילן ניט זיין קיין אידן — און מוזן. מיר האָבן ניט קיין

רעכט זיך צו האַלטן פאַר „אהה־בהרתגוניקעס״, זאָגט איר. איר וואָלט זיך באַדאַרפט שעמען! איר רעדט אָן בושה, רעדט איר. לויט אייך קומט אויס אַז דער דייטש האָט אַ טעות געמאַכט וואָס ער האָט אונז אנגענומען פאַר אידן. אָבער דעם זייער מיאוסן טעות — מאַכט איר. די שונאי ישראל ווייסן גוט אַז מיר זיינען אַלע די זעלבע, זיי זאָגן עס אָפן. און ניט בלויז פאַר די שונאי ישראל, נאָר אייך פאַרן רבונו־של־עולם זיינען מיר די זעלבע. איר הערט וואָס איך רעד צו אייך? די זעלבע! אויף יענער וועלט וועט אייער נשמה קיין יאַרמלקע, קיין באָרד און פיאות ניט טראָגן. אייער נשמה וועט דאָרט קומען אַ נאַקעטע — ווי מיינע. לויט אייך קומט אויס, אַז דער אמת׳ער כלל ישראל איז אַ הייפל הערש ראַסיינערס. אַלע איבעריקע זיינען פערטל אידן, צענטל אידן. וואָס זאָג איך? דאָס אויך ניט. ווארים איר זאָגט, אַז אידישקייט טיילט זיך ניט: גאָר אָדער גאָרניט. מאַכט איר אונז נאָך טויזנטער מאָל אָרעמער אין צאָל ווי מיר זיינען.

אַ ריכטיק וואָרט האָט איר געזאָגט, אַז ניט אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז אומגעקומען, נאָר אַ דריטל איז געוואָרן אויסגעהאַקט פון לייב און נפש פון איטלעכן געבליבענעם אידן. איז אין דער אמת׳ן פאַר אייך, ר׳ הערש, אומגעקומען אַ דריטל פון אונזער פאָלק? דער סך הכול פון אייערע רייד איז — נאָכאַמאָל דאָס זעלבע! — אַז ווער עס היט ניט אָפּ אייער אידישקייט, איז ניט קיין גאַנצער איד. הייסט עס, אַז די צאָל פון די אומגעקומענע אידן זיינען ניט לויט דער צאָל פון די פאַרברענטע גופים? זעט איר צו וועלכער אכזריות אייער קיצוניהדיקע פרומקייט מוז אייך דערפירן.

באַטראַכט און ענטפערט זיך אַליין. אָט די אידן וואָס האָבן ניט אַריינגעקלערט וועגן דער היכער מטרה פון מענטש, און זיי האָבן ניט אונטערגעהאַלטן ווי למד־וואָניקעס די וועלט, נאָר געלעבט אָן אָרעם לעבן פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד; אָט די אידן וואָס זיינען איינגע־שטאַנען צו דער פראַצע אָן „מודה אני״ און געגעסן זייער שוואַרץ ברויט אָן המוציא; אָט די אידן וואָס האָבן אַריינגעהאָרעוועט אין שבת און ניט אָפּגעהיט כדבעי יום־טובים; אָט די אידן וואָס האָבן הכנעה׳דיק און געדולדיק געוואַרט ביים עולם־הזה׳דיקן טיש טאָמער וועט זיי צופאַלן אַ ברעקל ווי איר, דער פרוש. דער נאָוואַרעדקער מתבודד לצ׳עוועט פון זיי; אָט די אידן וואָס האָבן געלעבט אין שכנישאַפט, אין קליינע קריגערייען און אין איבערבעטן זיך, און אַזוי זיינען זיי אומגעקומען אינאיינעם — איר לאָזט זיי אַריין אין אייער גן־עדן אָדער ניט? און וואו וועלן זיי דאָרטן זיצן, אין מזרח מיט די בעלי מוסר, אָדער ביי דער טיר מיט די פיס אינדרויסן? דער איש פשוט איז אַ קדוש וטהור, ווייל ער איז אומגעקומען ווי אַ איד, וועט איר מיר זאָגן. נאָר אויב ער איז געבליבן לעבן — איז ער אַ רשע און אַ טרייפניאַק, ווייל ער גייט ניט אין אייער דרך? אָט דאָס איז אייער רחמנות און ליבשאַפט צום כלל־ישראל? און איר האָט נאָך די העזה צו רעדן

אין זייער נאָמען און זאָגן, אַז איר זייט עס דער שליח ציבור פון די קדושים... וואָס רייסט איר זיך אויף? איר ווילט אַנטלויפן? איר האָט דאָך גע׳חלומ׳ט מיט מיר זיך צו טרעפן און זיך אויסטענה׳ן, האָט איר מיר פאַרזיכערט. קענט איר בלויז רעדן און ניט הערן? באַוואָרעד־קער בעל־מוסר, זעצט זיך אַוועק און הערט ביזקל סוף.

אויב איך זיינען אַזוי פרעמד די וועלטישע אידן, היינט ווי קען איך שוין האָבן טענות וואָס פון אייך בלאָזט אַ פינצטערניש און אַ שנאה צו דער גאַנצער ניט־אידישער וועלט? לאָמיר אָבער, ר׳ הערש, זיך מער ניט קריגן און באַרעכענען רואיק. מעגן מיר פיינט האָבן די גאַנצע ניט־אידישע וועלט? איר ווייסט פונקט ווי איך אַז עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געראַטעוועט אידן. וועל איך זיך מיט אייך ניט אַריינלאָזן אין אַ חשבון וויפל עס זיינען געווען אַזעלכע. פאַר מיר איז גענוג אַז איר ווייסט פון עטלעכע. און פון איינעם אַזאַ פאַל וויל איך אייך דערציילן.

אין ניינצן זעקס־און־פערציקסטן יאָר, אין פוילן, בין איך איינמאָל געווען אויף אַ קליינעם צוזאַמענקום לכבוד אַ פאָליאַק, אַ קריסט, אַן אַלטער דאָקטאָר וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אַ צענדליק אידן אין אַ צימערל הינטער אַ וואַנט, פאַרשטעלט מיט פאָליצעס ביכער. אויף אָט דער קליינער אסיפה אין אַ האַלב טונקעלן חדר זיינען מיר געזעסן אַרום אַ טיש. מיר האָבן דעם דאָקטאָר ניט געלויבט, ניט גערעדט וועגן דברים העומדים ברומו של עולם, וועגן דער מענשהייט און וועגן העלדישקייט, אויך ניט וועגן אידן און פאָליאַקן. מיר האָבן אים פשוט אויסגעפרעגט ווי אַזוי האָט ער ניט געהאַט קיין מורא צו באַהאַלטן אַ צענדליק אידן הינטער דער וואַנט פון זיין קאַבינעט? דער דאָקטאָר, אַ קליינינקער, אַ גרויאינקער, האָט די גאַנצע צייט געשמייכלט קינדיש און געדאַנקט אַ פאַרשעמטער פאַרן כבוד, מישטיינס געזאָגט, וואָס מיר גיבן אים אָפּ. אויף אונזער פראַגע, האָט ער געענטפערט מיט אַ נידעריק קול, ממש געשטאַמלט, אַז ווען ער האָט באַהאַלטן די אידן, איז ער געווען זיכער, אַז וויבאַלד ער טוט אַ גוטע זאַך, וועט אים קיין שלעכטס ניט געשען.

דאָ אין פאַריז איז דאָ אַ זקנה אַ ליטווינקע, איך קען זי גוט. אַלע ווייסן אַז זי האָט אין ווילנער געטאָ געראַטעוועט אידן און באַהאַלטן אויך — ספרים. די דייטשן האָבן זי פאַר׳משפט צום טויט. על פי נס איז זי ניצול געוואָרן. מען האָט זי פאַרשיקט קיין פראַנקרייך אין אַ לאַגער. זינט דער באַפרייאונג דרייט זי זיך אַרום צווישן אידישע פליטים. אין אָט די פרוי איז אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערקע, אַן אַטעאיסטקע, דאָס הייסט, זי גלייבט ניט אין גאָט, להיפוך פון פוילישן דאָקטאָר וואָס איז אַ פרומער קריסט.

שטעלט זיך פאָר אַז די גרויע אַלטיטשקע, דער פאָליאַק און די ליטווינקע, דער קריסט און די רעוואָלוציאָנערקע, זיצן ביידע די

גאַנצע צייט פון אונזער שמועס דאָ איף דער באַנק לעבן אונז. זיי רעדן ניט, זיי הערן זיך בלויז צו צו אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזאָגט. זיי זיינען איבערגעשראָקן פון אייערע טענות, נאָר ניט אין כעס, ווייל זיי פאַרשטייען אַז אייער שנאה נעמט זיך פון אונזער בראָך. זיי האָבן איך ניט קיין חרטה וואָס זיי האָבן מציל געווען אידן, זיי פילן נאָר אַ דריקעניש אין האַרץ, אַ גרויסן ווייטאָג. פאַרוואָס, קלערט איר, האָבן זיי געראַטעוועט אידן? קיין געלט און קיין קליידער האָבן זיי ניט גע־נומען. דער פרומער קריסט האָט קיינעם ניט געפרואווט אָפּשמדן. די רעוואָלוציאָנערקע האָט קיינעם ניט געוואָלט מאַכן פאַר אַן אַטעאיסט, אדרבה, זי האָט נאָך באַהאַלטן אידישע ספרים. זיי האָבן געראַטעוועט אידן ניט בלויז צוליב רחמנות, נייערט אויך צוליב זיך אַליין. זיי האָבן געוואָלט דערווייזן פאַר זיך גופא — קיינער האָט דאָך ניט געטאָרט וויסן — אַז ניט די גאַנצע וועלט באַשטייט פון גזלנים און גלייכגילטיקע צו יענעמס אומגליק. די אַלטיטשקע האָבן געוואָלט ראַטעווען זייער אמונה אין מענטשן צוזאַמען מיט די לעבעדיקע אידן. איצט קומט איר און לייקנט אין דער גאַנצער וועלט וואָס איז ניט איבערגעגעבן צו פרומער אידישקייט. און אַט די צוויי אַלטיטשקע זיינען דאָך ניט איבערגעגעבן צו פרומער אידישקייט. פרעג איך איך: וואו האָט איר אין אייער וועלט אַ ווינקל פאַר דער גרויער פּאָר? איר טרייבט זיי דאָך אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט. געקומען צו דער באַנק זיינען זיי איטלעכער באַזונדער, זיי האָבן זיך ניט געקענט, און אַוועקגיין וועלן זיי אַנגעבויגענע אויף זייערע שטעקעלעך איטלעכער באַ־זונדער, ווייל זיי שעמען זיך צו קוקן איינע די אַנדערע אין פנים צוליב זייערע אָפּגענאַרטע חלומות. דער זקן מיט דער זקנה האָבן גע־מיינט אַז מיר געהערן אַלע צו איין בעסערער וועלט, און איר פאַר־שפּייט אַט די וועלט. וואָס וועלן זאָגן די געראַטעוועטע אידן אויף דעם וואָס איר פאַרטרייבט זייערע רעטער? איר ווערט זיי, די חסידי אומות העולם, אַרויסנעמען פון כלל גויים און אַריינגעמען אין אַ באַזונדערע מחיצה? זיי האָבן ניט איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי ר׳ הערש ראַסיינער וואָס האָט פיינט אַלעמען, אַלעמען, זאָל זיי מאַכן אַ יוצא מן הכלל.

אָבער פאַרט וואָס האָט זיך ביי איך געביטן נאָך אַזאַ חורבן? — פרעגט איר. און וואָס האָט זיך ביי, ר׳ הערש, געביטן? ענטפערט איר אויף דעם, אַז איר זייט נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן אין אייער אמונה. קום איך צו גיין און זאָג איך אָפן אין פנים: אייער ענטפער איז אַ נעבעכדיקער און קלאָגעדיקער ענטפער. איך נעם ניט אָן בשום אופן אייער תשובה. די אייביקע שאלה פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", געפּלט אויף אַ מיליאָן אומגעבראַכטע קינדער, מוזט איר פרעגן ביי גאָט. דאָס וואָס איר ווייסט פאַראויס, אַז מען וועט איך פון הימל ניט זאָגן קיין תירוץ — איז קיין ענטפער ניט פאַרוואָס איר פרעגט ניט. זייט איר, ר׳ הערש, אַזאַ מאמין ווי איוב, מוזט איר האָבן אַזוי פיל מוט ווי ער און שרייען צום הימל: „הן יקטלני לו איחל אך דרכי אל פניו

איכיה, גאָט זאָל מיר אפילו טייטן, וועל איך צו אים האָפן, נאָר מיינע וועגן וועל איך פאַר אים אויפווייזן". האָט אַ מענש ניט געזינדיקט, טאָר ער זיך ניט דערקלערן פאַר שולדיק. און מיר, ווען מיר זאָלן אַפילו זיין טייוואָלים, האָבן מיר ניט געקענט אַזוי זינדיקן, אונזער שטראָף זאָל זיין — אַ מיליאָן אומגעבראַכטע קינדער. דערפאַר איז אייער ענטפער אַז איר זייט געוואָרן נאָך מער מאמין — אינגאַנצן קיין ענטפער ניט, ווי לאַנג איר מאַנט ניט ביים הימל קיין חשבון.

ר' הערש, מיר זיינען בידע טויט־פאַרמאַטערט און אויסגעברענט פון אַ גאַנצן טאָג רעדן און זיך אַמפּערן. איר פרעגט, וואָס האָט זיך ביי מיר געביטן? דאָס טאַקע וואָס איך וויל מיט אייך שלום, וואָס איך האָב אייך ליב אהבת נפש. איך האָב אייך קיינמאָל ניט פיינט געהאַט און ניט געזוכט אויף אייך קיין חסרונות, נאָר איך האָב ניט פאַרשוויגן וואָס איך האָב געזען. אָבער ווען איר זייט געוואָרן ברוגז פאַר מיין אַוועקגיין, בין איך אויך געוואָרן ברוגז, און היינט שטופּ איך זיך מיט מיין ליבשאַפט צו אייך. איך זאָג צו אייך ווי דער אייבער־שטער צו די פאַרזאַמלטע אידן אויף יום־טוב אין ירושלים: איך וויל מיט אייך זיין אינאיינעם נאָך אַ שמיני עצרת, קשה עלי פרדתכם, מיר איז זיך שווער מיט אייך צו שיידן. דאָס האָט זיך געענדערט ביי מיר און, בדרך כלל, ביי אַלע אידישע סופרים. ס'איז געוואָרן ציטער־דיקער און טיפער אונזער ליבשאַפט צו אידן. דאָס הייסט, פון דער וועלט זאָג איך זיך ניט אָפּ, נאָר איך — לפי האמת דאַרף איך זאָגן: — מיר ווילן אָפּגראָבן אין זיך די פאַרבאָרגענע גע'ירש'נטע כוחות פון כלל, כדי מיר זאָלן קענען לעבן ווייטער. און איך בעט אייך: זאָגט אונז ניט אָפּ פון ירושה. און וויפל מיר זאָלן ניט אויפהייבן אונזער וויי־געשריי קעגן הימל און מאָנען חשבון, איז דאָ אין אונזער וויי־געשריי אַ שטילע תפילה, אַז עס זאָל אויף די פאַרפרעמדטע אידן אַראָפּגיין די שכינה — דער קלסתר פנים פון די פאַרברענטע. זייער אידישער פרצוף־פנים הענגט נאָך אין די גאַז־וואָלקנס אין חלל פון דער וועלט. און אונזער וויי־געשריי פון אָנמאַכטיקן כעס קעגן הימל האָט נאָך אַ טיפערן באַדייט: ווייל מיר גיבן ניט בשום אופן אונזער הסכמה אויף דער בלוטיקסטער וועלט־עוולה קעגן אונז, ווייל מיר נעמען ניט אָן דעם משפט — פאַרוואַרצלט זיך ניט אין אונזער האַרץ קיין קנעכט־שאַפט און קיין פאַרדאַרבנקייט און דער שרעקלעכער יאוש, אַז די וועלט איז הפקר.

ר' הערש, מיר זיינען אַלטע חברים פון דער ישיבה. איך געדענק ווי איינמאָל האָט איך פאַרלאָרן דאָס זעקל פון מיינע תפילין, איר זייט דעמאָלט ניט געגאַנגען עסן קיין פרישטיק און איר האָט עס אַ האַלבן טאָג אַרומגעזוכט, אָבער איר האָט עס ניט געפונען. איך האָב זיך איינגעשאַפט אַן אַנדער זעקל צו מיינע תפילין, נאָר איר זוכט נאָך ביז היינט הוקא יענעם זעקל פון מיין של יד און של ראש.

גערענק זשע, ר׳ הערש, אין די פרשיות פון מיין של יד און של ראש שטייט אָנגעשריבן דער כלל ישראל. און מיינט ניט, ר׳ הערש, אַז אונז, אידישע שרייבער, איז לייכט, אונז איז שווער, זייער שווער. דאָס אומגליק האָט אונז אַלעמען גלייך געטראָפן, נאָר איר האָט אייך אַלץ אַ פאַרטיקע תשובה, און מיר האָבן נאָך ניט פאַרענטפערט אַלע ספקות, און ווער ווייס צי מיר וועלן זיי ווען ניט איז פאַרענטפערן. אָבער דעם כלל ישראל דינען מיר, כאָטש ער ווייזט אונז אָפטמאָל זיין רוקן. איר זאָלט וויסן זיין אַז די איינציקע געבליבענע פרייד אין אונזער לעבן איז אונזער שאַפונג, אונזער יצירה, און דורך אַלע יסורים פון יצירה ציען מיר זיך צום פאָלק.

ר׳ הערש, עס איז שוין גאַנץ שפעט אין דער נאַכט, לאָמיר זיך געזעגענען. אונזערע וועגן זיינען פאַרשיידענע, סיי אין רוח און אַפילו פראָסט־פשוט. דער שטורם וואָס האָט אונז אויסגעריסן, פאַרוואַרפט אונז, דער שארית הפליטה, בכל קצוי תבל. ווער ווייס ווען מיר וועלן זיך ווידער באַגעגענען. הלוואי זאָלן מיר ביידע זוכה זיין מיר זאָלן זיך נאָכאַמאָל טרעפן און זען וואו מיר האַלטן. און הלוואי זאָל איך אַזוי דעמאָלט האַלטן ביי אידישקייט ווי היינט. ר׳ הערש, לאָמיר זיך צעקושן — — —

התוכן

עם הספר	עמ׳ 5
מוסרניקעס	עמ׳ 7
ווידערקול	עמ׳ 9
אַ טויטע האַנט	עמ׳ 16
חשבון הנפש	עמ׳ 23
די בירזשע	עמ׳ 32
מוסרניקעס גייען	עמ׳ 40
באַרוועס	עמ׳ 45
אין גיהנום אויף אַ קייט	עמ׳ 58
דער ארון־קודש פּאַלט	עמ׳ 72
מײַן קריג מיט הערש ראַסיינער	עמ׳ 79